STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04679

ANFAS, IN PROFIL UN HINTER DI PLEYTSES

Meir Charatz

•

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Rae Finegood
in honor of
Freda Pastinsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר חרץ

✶

אַנפֿאַס, אין פּראָפֿיל
און הינטער די פּלייצעס

די שאַפֿונגען פֿאַר דער איצטיקער לידער־זאַמלונג האָט דער דיכטער מאיר חרץ אָפּגעקליבן און איבערגעגעבן דעם כּתבֿ־יד דעם י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג.

ער האָט מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפֿאָלגט דאָס אויסזעצן דעם מאַטעריאַל און שפּעטער, ווען ער האָט זיך שוין געפֿונען אין שפּיטאָל, האָט ער געוואַכט איבער דעם גאַנג פֿון דער אַרבעט. ער האָט נאָך באַוויזן אַרייַנצוגעבן 5 נייַע לידער און זיי אייַנגלידערן אין אויס־געשטעלטן טעקסט.

ליידער האָט ער נישט דערלעבט צו זען דאָס פֿאַרטיקע בוך.

אין די לעצטע פּאַזעס האָט פֿאַרן אויספֿאַרטיקן דאָס בוך גע־זאָרגט מיט גרויס פּיעטעט די אלמנה פֿון דיכטער, טובה חרץ.

מאיר חרץ

אַנפֿאַס, אין פּראָפֿיל
און הינטער די פּלייצעס

פֿאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב — תשנ״ד 1993

MEIR CHARATZ

EN FACE, IN PROFIL
UN HINTER DI PLEITZES

י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, ברנר 14, תּל־אביב

I. L. Peretz Publishing House

14 Brenner Str., TEL-AVIV

הילע געצייכנט — איזיו שערף

©

כל הזכויות שמורות

TOVA CHARATZ, 10 Davidson Str.
Jerusalem 93706 Israel

Printed in Israel 1993

נדפס בישראל תשנ״ד

נסדר ונדפס בדפוס ״יחיעם״ ת״א, טל: 375 943

א

די אָבֿות

1

זעצט מיך דער זיידע אַוועק אויף די קני,
פֿרעגט מיך דער זיידע, וואָס איך לערן,
ענטפֿער איך אים, אַז הײַנט אין דער פֿרי
זענען געשטאָרבן אַלע שטערן.

זאָגט מיר דער זיידע, ס'איז דעקאַדענץ,
עפּעס ווערסטו מיר ווילדער, טעמפּער.
ענטפֿער איך אים אי דאָס אי יענץ,
דריי זיך אַרויס פֿון אַ קלאָרן ענטפֿער.

שטעלט מיך דער זיידע צו צו דער וואַנט,
קוקט דערבײַ אין ענצטער, אין דרויסן,
בײַלט אין אַ פֿויסט די אײַזערנע האַנט
מורמלענדיק: "ניט דאָס בין איך אויסן".

2

כ'שטיי אַ באַשטראָפֿטער, פֿאַרווייניטער,
כ'קוק מיט שרעק אויפֿן זיידן,
זיצט ער אַ שטרענגער, פֿאַרשטיינטער,
וויל מיט מיר ניט ריידן.

שרײַבט עפּעס, צייכנט מיט ד'אויגן,
מאָלט אויס אַ בויד אויף רעדער,
קומט צו פֿליען אַ פֿויגל,
זעצט זיך אַרויף אויף זײַן פֿעדער.

"שפּיל, סאָלאָווייטשיקל", הער איך,
זאָגט צום פֿויגל דער זיידע.
שטראַלט בײַם זיידן דער שטערן,
זינגען שוין, הער איך,ביידע.

זינגט דער זיידע: אמר
מענדעלע מוכר־ספֿרים.
סאַראַ זינד איז, טאָמער
פּישקע דער קרומער איז אָרעם.

סאַראַ זינד, וואָס פֿון שטעטל
איז אַוועק בנימין,
דאַרף מען פֿון אים שפּעטן?
ניין, ער בענטשט זײַן נאָמען.

מורמלט שטיל און געמיטלעך,
מאָלט אויס מיט ווערטער שטילע
אַלע קליינע שטעטלעך
מיט דער באָד אַפֿילו.

שטאָם איך דאָך אויך פֿון דאָרטן,
מאָך איך זיך כּלא־ידע
און פֿונעם פּערטן גאָרן
זינג איך דער שטאָט אַן אָדע.

3
קלאַפּט מען אָן אין טיר, דער זיידע
הייסט מיר עפֿענען די טיר,
קומט אַרײַן אַ גאַנצע עדה
ייִדן, קוקט מען ניט אויף מיר.

איינער בלויז (אַ בלאָנדער, אין ברילן)
בעת דער זיידע רעדט מיט ברען,
מאַכט מיר אַ צייכן, אַ ווונק אַ שטילן,
שענקט מיר בשתיקה אַ העלפֿאַנט.

שענקט מיר אַ שימחת־תּורה־פֿענדל
און אַ מעסערל, אַן אַנטיק,
זענען זיי ווערט אַ גאָלדן רענדל
אָדער דרײַ, אַ רענדל אַ שטיק.

לייג איך דערווײַל מײַן פֿען אַנידער,
שפּיל מיטן מעסערל, מיט דער פֿאָן,
און פֿאַרגעס אין מײַנע לידער,
קוק צום זיידנס אויבנאָן.

זע איך דעם זיידנס קלוגן שמייכל,
הער איך דעם זיידנס קלינגעוודיק קול
און פֿון קול אַ ליבן, ווייכן
עכאָ ווי פֿון אַ פֿאַסטעכס טאָל.

4

כ׳מוז דערציילן אײַך דעם אמת,
כ׳האָב דעם טאָג פֿאַרשלאָפֿן האַלב
ווי די אמתע באָהעמעס
פֿונעם גאָט פֿון קונסט געזאַלבט.

כ׳מוז דערציילן נאָך אַ שטיקל,
כ׳האָב דעם טאָג אין בעט פֿאַרבראַכט,
ווי די אמתע אַנטיקן,
וואָס זיי שלאָפֿן נישט בײַ נאַכט.

אין דער זעלבער צײַט דער זיידע
מיט דער עדה שטיל און פֿרום
שפּאַנען אום ווי אין גן־עדן
אינעם דרויסן וואָס אַרום.

און ער ווײַזט דאָרט אויף די פֿעלדער
און "ווי שיין איז אָט דער בוים"
דער אַנטלאָפֿענער פֿון וועלדער
העט פֿון דאָרט בײַם הימלזוים.

ס׳האָט דער זיידע ליב צו רעדן,
נאָר פֿאַראַן אַן אויסנאָם פֿאָרט,
ס׳טרעפֿט, ער גיט דאָס וואָרט אַ צווייטן,
שלום־עליכם האָט דאָס וואָרט.

ווישט דער בלינדער אויס די ברילן,
רייניקט זיך דאָס שטילע קול
און ער נעמט אַ טאָן אַ שטילן
נאָך דעם העכער מיט אַ מאָל.

אַט שפּילט סטעמפּעניו אויפֿן פֿידל,
אַט זינגט יאָסעלע סאָלאָוויי,
אַט אַ פּאַסאַזשיר אַ ייִדל
טוט דעם פּאַראַוואָז אַ דריי.

קאָמיוואָיאַזשאָרן מאָדנע
העצקען זיך אין דריטן קלאַס
און דער גליקלעכסטער פֿון קאָדני
פֿירט זײַן גליק אין טאַראַנטאַס.

עולם וויינט און לאַכט צוזאַמען,
ווען דער שנײַדער פֿירט אַ ציג
צום מלמד און פֿון דאַנען,
ווען ער פֿירט אַ באָק צוריק.

און דאָס זעלביקע געלעכטער,
ווען מנחם־מענדל פֿליט,
ס׳רעדט אַ ייִד מיט זײַנע טעכטער,
טביה, דאַכט זיך, הייסט דער ייִד.

לויף איך נאָך אַ טאָכטער איינער,
שמייכלט טביה, רעדט פֿאַרשטעלט,
וויצלט זיך: ״צו מײַנע איידעמס
נאָר אַ דיכטער האָט געפֿעלט״.

5

הייבט זיך אויף פֿון אָרט דער זיידע
אויפֿנעמען אַ ליבן גאַסט,
הייבט זיך אויף די גאַנצע עדה
און פֿאַרנייגט זיך ווי עס פּאַסט.

פֿאַר אַ פּאַן פֿון ווײַטן פּוילן,
פֿאַר אַ הויכגעשטעלטן מאַן,
שוואַרצע אויגן ווי צוויי קוילן,
וואָנצעס שוואַרץ פֿאַרמאָגט דער פּאַן.

אַ פּעלערינע און אַ זאַנטיק
און אַ הוט (אַ ביסל אַלט).
ס'איז אַ פּאַן אָן אַ מאַיאַנטיק,
ס'איז אַ פּריץ אָן אַ וואַלד.

"ניט קיין פּריץ, ס'איז דאָך פּרץ"
פּאַלט אַ וואָרט, צעטראָגט זיך גיך
"און זײַן 'מאַניש' איז אַ תּירוץ
צו דערציילן וועגן זיך."

אַז אַ פּאַן זאָל רעדן ייִדיש,
איר אַזוינס האָט שוין געהערט,
אַז דערציילן זאָל ער חסידיש,
ניט פֿון שלאַכט און ניט פֿון שווערד?

ער דערציילט פֿון מקובלים
און ער שילדערט אויך דעם סוף
פֿון אַ לאַנגן, שיינעם חלום,
ווען מע כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף.

בײַסט סאַטיריש צביעות, ליגן
און פֿאַרוויגט אײַך מיט אַ ליד,
מיט אַ גילגול פֿון אַ ניגון,
ווען איר זענט אַנטוישט און מיד.

און ער וועקט אײַך פֿונעם דרימל —
שלאָף איז סם, זײַ וואַך, זײַ דרייסט!
און ער דונערט ווי פֿון הימל:
"טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט!"

מיר, די קליינע חברה ייִנגלעך,
אָפּגערוקטע אין אַ זײַט
פּלאַפּלען, שאַרפֿן זיך די צינגלעך
וועגן קונסט פֿון אונדזער צײַט.

6

כ׳טו אָן דעם צעקנייטשטן מאַנטל
און צעפּאַטל מיר די האָר
און שטעל אָפּ אַן אומבאַקאַנטן:
אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט יאָר!

אפֿשר ווייסט איר, זאָגט מיר, פּעטער,
ווו געפֿינט מען איצט די דריַ
קלאַסיקערס און ווו דער פֿערטער —
שטיינבאַרג פֿון דער וואַלאַכיי?

— וואָסער שטיינבאַרג? ניט געטראָפֿן,
בערגעלסאָן דער פֿערטער איז.
דאָ איז אַ קוטנער אַנגעלאָפֿן —
„בערגעלסאָן? איר ווייסט געוויס?"

זאָל זיַין בערגעלסאָן, וואָס אַרט איַיך?
זאָל זיַין אַש און וויַסנבערג,
קלאַסיקערס כאָטש הונדערט אַכציק
און דער עיקר זייערע ווערק.

נאָר די ערשטע דריַ — דער זיידע,
אונדזער מענדעלע דער ליטוואַק,
דער אוקראַיִנער שלום־עליכם,
י. ל. פּרץ, דער פּאָליאַק.

זיי, די גרויסע, זיי, דער וווּנדער,
זיי, די אָבות, זיי, די דריַ.
לאָזט זיי בליַבן דריַ באַזונדער
פֿון אַ פֿערטן, פֿינפֿטן פֿריַ.

לייענענדיק שלום-עליכמען

צום הונדערטסטן געבוירן-טאָג פֿון גרויסן שרײַבער, אין 1950

דער טאָג איז שוין אַוועק, די טיר איז שוין פֿאַרמאַכט,
דאָס פֿענצטער איז פֿאַרהאָנגען און שטיל איז אונדזער שפּראַך,
וואָס הערט זיך ניט אַרויס. ס'איז דאָך אַ מאָדנע זאַך
צו לייענען שלום-עליכמען און ניט צו טאָן קיין לאַך?
איך לייען אים שטיל פֿאַר זיך בײַם שטילן לאָמפּן-ליכט,
איך לייען אים ווי אַן אַלט און טרויעריק געדיכט
און שטילער, שטילער אַלץ, סע שעפּטשען קוים די ליפּן...
און פּלוצעם, זע, די שטוב ווערט פֿול, סע רוישן זײַנע טיפּן —
פֿון טביהס פֿרישן קעז און פּוטער פּראַווועט מען מאכלים
און ס'גייט פֿון זיי אַ פּאַרע אויף, ס'איז מנחם-מענדלס חלום,
און טביה זיצט פֿאַרטראַכט, פֿאַרטיפֿט און פּלוצעם שרײַט ער: „שאַט!
מײַן חוה קלאַפּט אין טיר, זי קומט צוריק פֿון שמד,
ס'איז יום-טוב הײַנט בײַ מיר, מײַן חוה קלאַפּט אין טיר,
איז, עפֿנט איר! וואָס שטייט איר? עפֿנט איר!"
דער עולם רוקט זיך אָפּ, דער עולם מאַכט איר פּלאַץ,
זי קומט אונטערן אָרעם פֿון סימעלע חאַראַץ,
מײַן טאָכטער, זי האָט נעכטן ערשט טביהן דורכגעלייענט
און בײַם קאַפּיטל וועגן חוהן זיך שטילערהייט צעוויינט
און הײַנט איז זי אַוועק ערגעץ ווו פֿאַר נאַכט,
צוריקגעקומען און מיט זיך חוהן אָפּגעבראַכט
און אָפּגעגעבן טביהן. ווי שטאַרק איך בין צופֿרידן!
איך בין דאָך אויך אַ ייִד פֿון שלום-עליכמס ייִדן,
אַ טיפּ פֿון יענער טיפּן-גאַלעריי,
און דריי איך זיך אַרײַן און מיש זיך אויס מיט זיי —
ס'איז מאָטעלע דעם חזנס יתום מיט זײַן ברודער עליע,
מיט סטעפּעניו דעם קלעזמערוק, שוין הײַנט אין איין קאַפּעליע
און יאָסעלע דער סאָלאָוויי
און טאָפּעלע וואָס טוט אַ קריי:
טוטאַריטו, טו-טו-טו,
און אויך די שטערן וועלכע בלאָנדזשען ערגעץ ווו,
די בלאָנדזשענדיקע שטערן,
זיי שפּילן, שעפּטשענדיק, בײַם טיש, דער דרויסן זאָל ניט הערן.
און שמעון-עליע קולנו

און אַלע שטעטלדיקע אָבות־אבותינו —
מײַן טאַטע זעצט זיי אויס און חוזק אין דער מיט
און לייענט פֿאַר אַלע דאָ איר טאַטנס ליד
צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פֿון פֿאָלקסשרײַבער פֿון גרויסן,
זי לייענט דאָס ליד, ניט הערן זאָל דער דרויסן.

אײַנגעראַמט און פֿאַרבליבן

אַ פּראָסט שטיק פּאַפּיר און אַ פּראָסטער בלײַער,
אַ פֿערציקער לעמפּל און אַ ציגײַער.

אַ פֿרײַע שעה און טיי אויפֿן טיש,
אַ גלאָז און אַ לעפֿעלע אויף צו מישן.

אין פֿענצטער אַ נאַכט מיט אַ הימל אַ גרויסן,
אַ שויב, וואָס ציטערט פֿונעם פֿאָרן אין דרויסן.

אַ ווײַט געריש ווי אַ נאָענט געפֿליסטער,
און פּרצעס בילד און אַ בוך פֿונעם נסתּר.

מוזיק פֿון רייד פֿון פֿאַרשידענע ערטער,
מוזיק פֿון רייד אָן דעם טײַטש פֿון ווערטער,

דאָס האָט זיך מיר אײַנגעראַמט און פֿאַרבליבן
אין ליד, וואָס כ׳האָב אָקערשט אָנגעשריבן.

משה-לייב, דער ריטער

משה־לייב, דער ריטער פֿון גראָבע רייד,
איז קיין מאָל ניט געזעסן אין זאָטל,
זײַן פֿערד איז געשלאָפֿן שטייענדיקערהייט
און ער האָט געריטן אויף זײַן שאָטן.

נאָר צו וואָס באַדאַרף מען האָבן פֿערד
אין שטעט מיט אײַזערנע מאַשינען?
משה־לייב האָט געגאַרט נאָך אַ גרין שטיק ערד,
ער איז שיער נישט אַראָפּ פֿונעם זינען.

ער האָט מיט אַ בליץ אַרומגעכאַפּט
די וועלטן פֿון דער ווײַטן
און מיט די נאָזלעכער האָט ער דערשנאַפּט
די ריחות פֿון אַלע צײַטן.

ער האָט אין זיך ווי אין אַ טאָפּ
אַרײַנגעשיט די געשיכטע,
זי אָפּגעקאָכט אין זײַן הייסן קאָפּ
ווי אַ קאַשע פֿון רײַז אַ געדיכטע.

דאָס מאכל דערנאָך צווישן דיכטערס צעטיילט,
פֿאַר יעדן דיכטער אַ ביסל
און זיך אַליין האָט ער אויסדערוויילט
און געקרוינט מיט דער ליידיקער שיסל.

מיט ביידע פֿויסטן אין אַ וואַנט
געפּויקט ווי דער גאַסן־פּויקער
און איז ניט געווען קיין וואַנט צו דער האַנט
האָט ער צום שטיין זיך אײַנגעהויקערט.

איז אָנגעלאָפֿן גרויס און קליין —
קלענערע — גרעסערע ליליפּוטן —
צו זען ווי דער שטיין איז געוואָרן שיין
בײַם שײַן פֿון די בליצן פֿון זײַנע בלוטן.

טשערנאָוויץ, 1960

צו מ. ל. האַלפּערן

אַט לייען איך ווידער דײַנע לידער
פֿון רעכטס אויף לינקס און פֿון אויבן אַראָפּ,
נאָר מאָדנע, ווי אַלצדינג קערט זיך איבער
און כ׳שטײַג אַרויף צו דײַן קאָפּ.

דעם אמת געזאָגט, בין איך נישט איינער,
מיר זענען אונטן אַ סך, אַ סך,
נאָר אַלע היטן זיי זיך די ביינער
און שיקן מיך אויפֿן דאַך.

זיי ליבן דיך אַלע פֿון דער ווײַטנס
און האָבן מורא פֿאַר דײַן דער,
זיי האָבן זיך אַלע באַוואָרנט באַצײַטנס,
פֿאַראייניקט אין אַ צער.

נאָר מיך אין צער נישט אַרײַנגענומען,
ווײַל כ׳האָב דאָס געשפּאָן צעפּליקט אויף זיך,
זיי האָבן אַ לייטער געשטעלט צון אַ ברונעם
און האָבן באַפֿוילן מיר: קריך!

נאָר מאָדנע, ווי אַלצדינג קערט זיך איבער —
וואָס מער איך קריך אַראָפּ,
וואָס מער איך פֿאַרטיף זיך אין דײַנע לידער,
ווערט נענטער מיר דײַן קאָפּ,
דײַן הויכער־הויכער קאָפּ.

ה. לייוויק

”אין אומרו הײַנט איז אויפֿגעשטאַנען דער באַגינען,
דער האַלבער טאָג איז קוים צום אָוונט צוגעקראָכן“.
די נאַכט אין שוואַרצן קלייד איז אַראָפּ פֿון זינען,
זיך אויסגעטאָן בײַ לייוויקס שטאַרבנדיקן שכן.

ס'איז לייוויק לעבן מת געליגן און געשוויגן,
אַ שטורעם האָט אין אים געדרייט זיך און געשטורעמט,
זײַן גײַסט האָט זיך גענומען אויף די צווײַגן וויגן
און פֿונעם שטורעם זיך אַרויסגעפֿורעמט.

די נאַכט האָט זיך מיט לייוויקן געמאַטערט,
געשלעפּערט אים און נישט געלאָזן אים שלאָפֿן,
די שטילקייט פֿון אַ האַלבער וועלט געפּטרט
און נישט געקאָנט אַרײַן אין זײַנע סטראָפֿן.

האָט זי אין שאָטנס זיך גענומען שלײַכן,
די נאַכט האָט זיך צעטיילט אויף שאָטנס און צעשפּליטערט,
ס'האָט לייוויק בײַ די ברעגעס פֿון די טונקל־רויטע טײַכן
די זונגען די טראַגישע געפֿיטערט.

זײַן קול איז שטיל געשטיגן אין די הייכן,
אַראָפּגעגאָסן זיך ווי יאָד אויף אָפֿענע ווונדן
און אויפֿגעגאַן ווי פֿײַערן אַן רויכן
ווי ווײַסע פֿײַערן פֿון שנייען אָנגעצונדן.

לייוויק פֿילט נישט

לייוויק פֿילט נישט, אַז איך לייען איצט זײַנע לידער,
לייוויק איז געשטאָרבן און אַן אים איצט לייען איך זיי.
וויפֿל זענען מיר געווען? דרײַצן גוטע־ברידער,
זענען מיר געבליבן זיבן, זעקס און איצטער צוויי.

איינער איך, פֿאַרשטייט זיך, און דער צווייטער —
וואָס איז מיר דער חילוק, ווער דער צווייטער איז —
דאָ איז דאָס לאַנד פֿון פֿאָטער יעקבס לייטער,
נישט ניו־יאָרק און אַוודאי נישט פּאַריז.

און ווער וואָגט עס הײַנט נאָך וואַרשע צו דערמאָנען
אָן אַן איכה־ניגון נאָך איר קינד און קייט
און ווער וואָגט עס ווילנע אָנרופֿן בײַם נאָמען
אָן אַ קדיש זאָגן נאָך איר ייִדישקייט.

בײַ דעם ברעג פֿון ירדן זינגט מען אויס דעם טרויער
פֿון די הונדערט בבלס אויף דער גאָרער וועלט,
ביז סע עפֿנט זיך פֿון זיך אַליין אַ טויער
און דער לייטער יעקבס שטייט אַוועקגעשטעלט.

יעקבס לייטער ביז צום הימל הויכן,
דאַרף מען דאָך קײַן בבל־טורעם נישט,
סײַ ווי איז דער טורעם שוין פֿון לאַנג אַ שוכן
עפֿר און דער לייטער שטייט זיך יונג און פֿריש.

און אויף אָט דעם לייטער, אויף די לייטער־טרעפּלעך
שטײַגן די מלאכים, שטײַגן אויף און אָפּ
און זיי פֿינטלען פֿײַער מיט די אויגן־לעפּלעך
און דאָס פֿײַער לאָזן זיי אויף דער ערד אַראָפּ.

און בײַ אָט דעם פֿײַער לייען איך לייוויקס לידער,
און בײַ אָט דעם פֿײַער זע איך ווי דער שניי
פֿון די ווײַטע־ווײַטע וועגן די סיבירער
ווערט צעגאַנגען אין די לידער, נו איז לייען איך זיי.

ירושלים, 4טער אָקטאָבער, 1981

מיט לייעלעסעס "לידער און פּאָעמעס"

אַ פֿרײַנד אַ שרײַבער האָט מיך הײַנט געפּאַקט
בײַ לייעלעסעס "לידער און פּאָעמען" —
און דו האָסט, זאָגט ער מיר, אַזוינס געוואָגט
דאָס טריפֿה ביכל אין דער האַנט צו נעמען?

ווי אַלע דאָ האָט ער געטראַכט זיך: אויב
מע וועט מיך כאַפּן, און זיך גלײַך באַוואָרנט,
אויב פֿרעגן וועט מען, ווער עס האָט געלויבט,
זאָל איך דאָרט זאָגן, אַז ער האָט געצאָרנט.

די דיכטערס דאָרטן, זאָגט ער, גיסן גיפֿט
(מײַן פֿרײַנד דער שרײַבער ציט אַרויף די ברעמען),
דו האָסט זיך, זאָגט ער, צו פֿיל שוין פֿאַרטיפֿט
אין לעיעלעסעס „לידער און פּאָעמען".

איך רײַס נישט אָפּ די אויגן פֿונעם בוך
און וויל אויך נישט מײַן גוטן פֿרײַנד דערצערנען,
כאָטש נישט קיין גיפֿט געפֿין איך, נישט איך זוך
און כ'קלײַב זיך נישט קיין נײַע תּורות לערנען.

נאָר איך באַוואָרן אויך זיך ווי מײַן פֿרײַנד
און רעד ווי אַלע רעדן, ווי מע דאַרף דאָ,
ווײַל טאָמער רופֿט מען פֿריִער אים, נאָך הײַנט,
זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז טענות האָב איך שאַרפֿע.

זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז איך האָב דאָס בוך
געפֿונען צופֿעליק צווישן פּאַק־פּאַפּירן,
געפֿונען עס, כאָטש כ'האָב עס נישט געזוכט
און נישט געלאָזט זיך פֿונעם בוך פֿאַרפֿירן.

זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז איך האָב געזאָגט:
דעם קעגנער דאַרף מען אויספֿאָרשן, דערקענען,
זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז איך האָב געזאָגט:
איך וויל זיך קעגן קעגנער בײַ דעם קעגנער לערנען.

איך נעם אַ וואָרט אַ נײַס פֿון זײַנס אַ ליד,
אַ דריידלוואָרט אַזאַ, וואָס לאָזט זיך דרייען
און שטעל עס קעגן אים, צי טאָר מען ניט,
צי טאָר מען זיך ניט ניצן מיט טראָפּייען,

נאָר דאָ האָט זיך מײַן פֿרײַנד פֿאַר מיר אַנטפּלעקט
און גאַליק־לאַכנדיק די צונג זיך אויפֿגעבונדן:
צי ווייסטו נישט, מיר האָבן אַלץ אַנטדעקט,
אַז מיר, נאָר מיר, האָבן אַלץ דערפֿונדן?

טשערנאָוויץ, 1962

יעקב גלאַטשטיין

דער ציינדאָקטער האָט אים פֿאַרבאָטן
צו קריצן מיט די ציין,
דער פּסיכיאַטער באַזײַטיקט זײַן שאָטן
און לאָזט אים איבער אַליין,
ער טאַפּט אַרום די געבאָטן
פֿון משה רבינוס שטיין,
אין פֿאַרמעטן זוכט ער די נאָטן
פֿאַר אונדזער ביטער געוויין
און אַלץ, וואָס סע איז אים געראָטן
בײַם קנעטן לידער פֿון ליים,
האָט ער מיט ווערטער פֿאַרשאָטן
און צוגעדעקט מיט אַ שטיין,
נאָר אונטערן שטיין האָט געזאָטן
פֿאַרשאָטענער ייִדישער חן,
אַ ניגון — אויסגעקנאָטן
פֿון ייִדישן פֿליישׁ און ביין.
ער איז נישט אַרויסגעטראָטן
פֿון ייִדישער אָרעמער היים,
וואָס איז אין אַ פֿרעמדן שאָטן
געשטאַנען ווי אין האַלדז אַ ביין
דאָרט צווישן גוייִשע גאָטן
אַליין, אַליין, אַליין —
ר' יעקב גלאַטשטיין.

איך בענטש

דעם דיכטער ל. מילער

איך בענטש די הענט, וואָס שרײַבן ייִדיש
און דרוקן לידער אָן געצאָלטס,
וואָס מאַכן איבערן ווייטיק קידוש
און טראָגן אים מיט קראַפֿט און שטאָלץ.

זיי מײַדן אויס דאָס האַלץ פֿון מעסער,
זיי כאַפּן זיך צום שאַרפֿן שטאָל
און שנײַדן זיך די ווונדן גרעסער
פֿון אַלע פֿינגער מיט אַ מאָל.

איך בענטש די אַנגעגאָסענע אויגן,
וואָס לאָזן נישט אַראָפּ די טרער
און פֿלעקן נישט דעם ווײַסן בויגן,
וואָס ווערט פֿון אלף־ביתן שווער.

איך בענטש די אותיות, וועלכע לויפֿן
אין לידער־ברכות זיך צונויף
פֿון אַלע ווײַטע ייִדישע הויפֿן
צו דיר אין הויף, צו מיר אין הויף.

איך בענטש די הערערס וועלכע הערן
דעם שלאָג פֿון האַרץ, וואָס בלײַבט נישט שטיין
און האַלט אין זיך דעם שטראָם פֿון טרערן
און זינג אַריבער דאָס געוויין.

צום דיכטער ל. מילער

(צו דער ערשטער יאָרצײַט)

סע וואַרט אויף אַן ענטפֿער דײַן לעצטער בריוו,
ווי אַזוי דיר דעם ענטפֿער שיקן?
צי זאָל איך אים שיקן מיט אַ שיף,
וואָס שווימט אונטער די בריקן?

צי זאָל איך אים שיקן מיט דער באַן,
וואָס יאָגט זיך דורך טונעלן?
אַוועלכע גאַס, אַראַנדיסמאַן
און וועלכן נומער שטעלן?

צי אפשר גאָר מיט אַן אַוויאָן?
צו וועלכע וואָלקנס סאַמע?
דו שרײַב דײַן נײַעם אַדרעס מיר אַן
פּאָר נאָכט אויף די שקיעה־פּלאַמען.

איך וועל דיר שרײַבן די לעצטע נײַס,
אַזוי ווי דו האָסט געבעטן —
ווי פֿון אַ זינקענדער שיף די מײַז
צעלויפֿן זיך לינקע פּאָעטן.

אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס האָסט נישט דערלעבט
חרטה־לידער מיט זיי צו זינגען,
וואָלטסט אויך אין איינעם מיט זיי געשעפּט
פֿון ברונעם, ווו לויטערע טראָפּנס קלינגען.

אַזוי פֿיל נײַסן זענען פֿאַראַן,
איך וועל דיר קיין איינע נישט פֿעלן.
צי זאָל איך זיי שיקן מיט דער באַן,
וואָס יאָגט זיך דורך טונעלן?

צי זאָל איך זיי שיקן מיט אַ שיף,
וואָס שווימט אונטער די בריקן?
ס'וואַרט אויף אַן ענטפֿער דײַן לעצטער בריוו,
ווי אַזוי זשע דעם ענטפֿער שיקן?

צווייטער בריוו צו ל. מילער

און ווידער אַ בריוו און ווידער צו דיר —
מע זאָגט, כ'האָב פֿאַרשוועכט די אייביקייט
דערמיט, וואָס כ'האָב אָנגעשריבן אַ שיר־
השירים דער מיטלמאָסיקייט.

און נישט נאָר מע זאָגט, נאָר שוואַרץ אויף ווײַס
עס אָפּגעדרוקט אין די בלעטער.

איך לייען און קוק זיך צו, ווי מע רײַסט
זיך איבער אַ פּלאַץ אויף שפּעטער.

אויף איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר
פֿאַרגרייט מען זיך פּיראַמידעס
און קוקט מען זיך צו, דערמאָנט עס נאָר
די פּרעהס און זייערע מידות.

מיר שווימען דאָך אַלע אויף דער שיף
דער זעלבער איבער תּהומען און טיפֿן
און ס'לויערט די טיף אויף אונדזער שיף
און מער ווי אויף אַנדערע שיפֿן.

צו וואָס דער געראַנגל און דאָס געשלעג
אַרום דעם רודער אויבן —
פֿאַרמאַכט נישט די אויגן אין מיטן וועג,
זאָל קיינער נישט שפּילן דעם טויבן.

נאָר קוקט אַראָפּ צום וואַסערלאַך,
נישט דער וואָס בײַ דער ראָד דער רונדער
וועט ראַטעווען די שיף פֿונעם בראַך,
נאָר דער וואָס טונקט זיך אונטער.

כ'געדענק — איך בין אַ ייִנגל געווען,
געמיינט, אַז איך בין דער ערשטער,
וואָס האָט די אייביקייט דערזען
אויף גראָזן אויף מאַרקולעשטער.

און אָט האָב איך איין מאָל אין אַ בוך
געלייענט דײַנע טעניס־לידער
און איך האָב דאָס ערשטע מאָל פֿאַרזוכט
דעם טעם פֿון וואָרט אין זײַן ציטער.

עס האָט זיך געקײַקלט ווי אַ באָל,
געמאַכט אין דער לופֿט אַ בויגן
און דאָס איז געווען גענוג סע זאָל
דערפֿרייען מײַנע אויגן.

איז ווי זשע ווערט מען עס אַזוי קלוג
בײַם טרינקען ווײַן אויף דער עלטער
אַרײַנצושפּײַען אין דעם וואַסער פֿון קרוג,
וואָס שטראָמט פֿון אַ קוואַלן־קעלטער.

באַהיט מיך, גאָט, פֿון אַזאַ מין זינד,
פֿון טאַדלען אַ דיכטערס אַ לויבער.
איך קאָן דאָך דערמיט פֿאַרשעמען דאָס קינד,
וואָס ער האָט אַ מאָל באַצויבערט.

און דאָס איז אַלץ. איך ענדיק דאָ
און בעט בײַ דיר מחילה,
וואָס איך האָב צעשטערט דאָס שטילע גראָ
פֿון דײַן גן־עדן צווישן די שטילע.

ירושלים, סעפּטעמבער, 1979

דוד האָפּשטיין

און ער האָט געטראָגן אין זיך די זאָמען
פֿון הלל און שמאי און מיט יעדנס נאָמען
די קינדער זײַנע, די זין באַנאָמענט.

געלאָזט פֿון דער צײַט געפֿאַנגען זיך נעמען,
אַבי נאָר ווײַטער זינגען צו קענען
און אָפּהיטן ביידנס יִדישע נעמען.

ער האָט זיך געליבט מיט יִדישע ווערטער,
ווי ס'ליבט זיך אַ בחור מיט זײַן באַשערטער
אין אַ ליבע אַ פֿאַרווערטער.

ביז וואַנען סע האָט אים געפֿונען דער זוכער,
ביז וואַנען פֿון שאַרפֿע געקעבטסן דער קוכער
האָט צוגעזאַלצן מיט ביטערן צוקער.

דער טעם פֿון טויט איז אויכעט ביטער,
נאָר ביטערער פֿונעם טויט איז דער ציטער,
די שרעק פֿאַרן גורל פֿון יורשים, די היטערס
פֿון זײַנע פֿאַרבליבענע ייִדישע גיטער.

טשערנאָוויץ, 1958

דוד האָפֿשטיין

דערפֿאַר טאַקע, וואָס ער איז נישט געווען קיין פֿײַנד
און ליב געהאַט די ערד פֿול פּראַכט און רייץ,
די ערד פֿון אוקראַיִנע, וועלכע שײַנט
אַרויף צום הימל מיט איר געלן ווייץ.

מיט געלן ווייץ און רויטע ריטשקעס בלוט,
מיט ייִדיש בלוט פֿון אייביקן פּאָגראָם,
דערפֿאַר טאַקע, וואָס ער געהאַט דעם מוט
נישט שטענדיק פֿעלשעווען, נישט שטענדיק זאָגן "באָם",

האָט ער דער סאַמע ערשטער זיך צעצאָלט
אין אוקראַיִנע פֿאַר זײַן ליבשאַפֿט גראָד,
וואָס האָט אין יעדן ליד זיך ווידערהאָלט,
ביז לעצטן ליד זײַנעם אין קיִעוו דער שטאָט.

איצט שרײַט מען דאָרט אַ הויך און פֿאַלש געוויין,
מע ווישט די שפּורן אָפּ צום געהיימען אָרט
פֿון לעצטן אָטעם און פֿון זײַן געביין
און פֿון זײַן סאַמע לעצטן קללה־וואָרט.

אַהרן קושניראָוו

"נישט דער גיבור שמעון און זײַן לעצטער ראַנגל
טרייסלט אויף די זײַלן פֿון זײַן שׂונאס פֿעסטונג — —"
— — — — — — — —

כ'האָב צעטראָטן מײַן געשיכטע מיט געזאַנגען
און געטראָגן זאַנגען צו די פֿרעמדע נעסטן.

האָבן זיך די פֿייגל אָנגעפּרעסן,
זייערע שוואַרצע פֿליגל אויסגעצויגן
און אין זייער אויפֿשטײַג דאָך מיך נישט פֿאַרגעסן
און מיר אויסגעפּיקט, ווי שמשונען, די אויגן.

ערשט אין בלינדקייט האָב דערזען איך קלאָרער
ווי אַ בייזער חלום קומט צו מײַנע אַפּלען
און דער חלום ווערט אַלץ וואָרער — וואָרער
און אויף זײַנע שלאַנגען־שטריקלעך מײַנע ברידער צאַפּלען.

בערגעלסאָן און האָפּשטיין, מאַרקיש און דער נסתּר
און עס ציט צו זיי מיך מיט מאַגנעטן:
נעמט מיך מיט מיט זיך אין אָט דער וואָר דער וויסטער,
נעמט מיך מיט, אָ, מײַנע ייִדישע פּראָזאַיִקערס, פּאָעטן.

האָבן מיך די פֿייגל גאָר פֿאַרמישפּט דווקא פֿרײַ זײַן,
פֿרײַ זײַן און אַליין זײַן אין אַ וועלט פֿון תּפֿיסות,
האָט דאָס האַרץ נישט אויסגעהאַלטן אַזאַ וויסטע פֿרײַהייט,
אַזאַ לעבן, וואָס איז ערגער נאָך פֿון אַלע ארבע־מיתות.

דוד בערגעלסאָן

און איצט איז שוין "נאָך אַלעמען", מיר גייען אָפּ
און ס'איז דער "אָפּגאַנג" בלוטיק ווי אַ שקיעה,
ס'האָט פּענעק קינדווײַז אַלץ געזען מיטן קאָפּ אַראָפּ
און איצט האָט בערגעלסאָן אַ שוואַכע ראיה.

ס'האָט בערגעלסאָן געשפּילט זיך מיט די קנייטשן פון דער פּאָן,
בשעת דער ווינט האָט מיט דער פּאָן געשפּילט זיך,
איז זאָל דעם ווינט און זאָל דער פּאָן הנאה טאָן,
ס'האָט בערגעלסאָן אין שאָטן פון דער פּאָן געהילט זיך

דער שאָטן פון איעדער פּאָן און פון יעדער פאַרב
איז טונקל ווי איעדער אַנדער שאָטן,
נאָר אַז מע הרגעט עמעצן איין טאָג איידער ער שטאַרבט,
ווערט אויך די פּאָן אַ שוואַרצע ווי איר שאָטן.

איציק פעפער

"ס'איז לויטער דער רוסישער סטעפּ
און איך בין אין סטעפּ ניט קיין פרעמדער" — —
צווישן צעשאָסענע קעפּ,
צווישן פאַרבלוטיקטע העמדער
טרעפט איר מײַן העמד און מײַן קאָפּ,
בלעטלעך פון בונט און פון גבורה,
נעמט מיך פון צלם אַראָפּ,
ברענגט מיך צו ייִדישער קבורה.
אויב איר געפינט נישט מײַן לײַב,
אויב איר געפינט נישט קיין זכר,
קריצט אַ מצבה, פאַרשרײַבט —
זאָל אײַער פּסק זײַן אַ ווייכער.
כ'ווייס, כ'האָב דעם עבר פאַרשוועבט,
כ'האָב אים פאַרשפּיגן ווי שימל
אין קאָמסאָמאָלסקי געפּעכט
אויפן זיבעטן הימל,
ביז כ'האָב דערפילט דעם שניט
און אויסגעשריגן די בשורה:
ייִדן, איך בין אַ ייִד! —
ברענגט מיך צו ייִדישער קבורה.

פּרץ מאַרקיש

זײַן קאָפּ איז געווען אַ שטורעם־פֿאַקל,
ער האָט אים געהאַלטן אין דער הויך,
זײַן ליד איז געווען דער לעצטער סך־הכּל
פֿון גאַנצע דורות ווינט און רויך
און פֿון די פֿײַערלעך אויך.

זײַן קאָפּ האָט ווי אַ שײַטער געפֿלאַקערט,
דער הייסטער פֿון אַלע הייסע קעפּ,
זײַן וואָרט האָט דעם ייִדישן שטייגער צעאַקערט
און איז אַרויף אויף אַ באַרג ווי אויף טרעפּ
און אַראָפּגעדונערט אין סטעפּ.

ווי ס'יאָגט אַ הירש איבער בערג און טאָלן
און בלײַבט אַ שיינער און שלאַנקער שטיין
און לאָזט זיך פֿון דער ווײַטנס מאָלן
צי אויסהאַקן — אַ הירש פֿון שטיין —
האָט ער זיך אויסגעהאַקט אַליין.

ער איז נישט געשטאָרבן ווי אַלע שטאַרבן
און ווערן פֿאַרשלונגען פֿון דער ערד.
ער האָט ווי אַ רעגן־בויגן פֿון פֿאַרבן
געשײַנט און אַ רגע אויפֿגעהערט
און אויף אייביק זיך אומגעקערט.

דער נסתּר

1.

ער האָט באַהאַלטן פֿון כּבֿוד זײַן נאָמען,
אַקעגנגעשטעלט זײַנע גראָבע שׂונאים
די אײדעלע קעגנערשאַפֿט פֿון זײַן פּנים.

ער איז אַ קעגנער פֿון שינאה געוועזן
מיט גאָר דער ליבשאַפֿט פֿון זײַן וועזן,
דער שונא זאָל ווערן פֿון שינאה גענעזן.

דערפֿאַר האָט זײַן שונא גענומען נקמה,
ס'האָט נסתּר באַצאָלט מיט זײַן ריינער נשמה
און מיט זײַן באַהאַלטענעם ריינעם נאָמען.

טשערנאָוויץ, 1957

2.
אַ קליינער, דאַרער, אַסקעטישער גבר,
תּעניתים צינדן די שוואַרצע אויגן,
וואָס קוקן איבער די ברעמען אַריבער,
דעם נסתּרס ברעמען — געדיכט און געבויגן.

ער הערט און זעט און שווײַגט אַ שווײַגן,
וואָס לאָזט נישט צו רו און לאָזט נישט שלאָפֿן
די הפֿקר־לײַט, וואָס מאָרדן און דאַגהן:
"ווי נעמט מען אים צו דאָס שווײַגן, זײַן וואָפֿן?"

ער זעט און בעט: "רבונו־של־עולם,
דו זאָלסט מיר, חלילה, נישט פֿאַרשעמען!"
סע קלאַפּט אין דער טיר אַ באַוואָפֿנטער גולם —
"אָ, דאַנקען גאָט, געקומען מיך נעמען!"

איציק קיפּניס

אַ חנוכּה־לעמפּל, אַן אַלטע הגדה,
אַ חומש פֿון דעם און דעם יאָרהונדערט, —
אין דרויסן איז ווינטערדיק די פּאַגאָדע,
בײַ אים אויפֿן טיש — אַ מידבר מיט וווּנדער.

בײַ אים אויפֿן טיש איז ארץ־ישׂראל
און ט״ו בשבט בלִיען די טײטלען,
פֿון רעבײס מיכאל, פֿון לינקס רפֿאל,
װען ס׳קומען מחבלים די הענט אים קײטלען.

זײַן שמײכל רײצט די פֿרעמדע היטערס,
זײ פֿילן דעם חוזק אין זײַנע אױגן,
אָט שפּאַנט ער דער שטאָלצער סלאָװעשנער ריטער,
די היטערס גײען אים נאָך געבױגן.

שמואל האַלקין

זײַן גײַסט האַלט זײַן גוף מיט געװאַלד
בײַם לעבן. דער גײַסט זײַנער האַלט
און הײבט אױף זײַן הױכע געשטאַלט.

זײַן גײַסט איז דער שמיד פֿון דער אַקס
פֿון װאָגן פֿון הױכן מיט פֿלאַקס,
װאָס װאַקסט אין זײַן ליד און װאַקסט.

זײַן גײַסט איז דער שמיד פֿונעם װאָרט,
װאָס האָט זיך מיט שײנקײט געפּאָרט,
געמאַכט זיך אין הימל אַן אָרט.

זײַן גײַסט פֿליט אַרום מיט זײַן ליד
און לאָזט אין דער הױך, אין דער מיט
פֿון װאָלקנס — אַ טיף־בלױען שניט.

1957

צו שמואל האַלקין

מיר האָבן זיך געקלאַמערט אין דײַן לעבעדיקן נאָמען,
מיר האָבן זיך געשפּיגלט אין דײַן צעשטראַלטן פּנים,
מיר האָבן בײַ דײַן טיש זיך צונויפֿגעטראָפֿן ברידער
מיט דיר, דעם יונגן פֿאָטער, פֿון פֿרישע שיינע לידער.
איצט זיצן מיר פֿאַריתומט און ווילן זיך נישט גלייבן,
אַז דו וועסט מיט דײַן לייענען שוין מער אונדז נישט דערהייבן
אין איינעם מיט דײַן טיש אַרויף צו יענע הייכן,
ווו ס'האָט דער בבֿל־טורעם נישט געקאָנט דערגרייכן.
איצט זיצן מיר פֿאַראייניזאַמט און קענען זיך נישט גלויבן,
אַז דו וועסט אונדז נישט הערן, אַז דו וועסט אונדז נישט לויבן.
מיר האָבן דיר געלייענט און דו האָסט מיט דײַן הערן
די לידער אונדזערע געטראָגן צו די שטערן.
איצט זיצן מיר פֿאַריתומטע, איעדערער באַזונדער,
עס האָט זיך אָפּגעטון פֿון אונדז דער לעצטער וווּנדער.
מיר זענען איצט ווי פֿינגער אָן אַ האַנט געבליבן,
ווי אָנהויבן פֿון לידער, וואָס בלײַבן ניט־דערשריבן.

ווי לאַנג

ווי לאַנג ערשט, אַז איך האָב געלייענט עס, ווי לאַנג
דאָס ליד וועגן וואַלד און מיכאַעלס געזאַנג,
דאָס וואַלדבילד, וואָס פֿינינבערג האָט עס געמאָלן
און הײַנט האָט מיכאַעלס, האָט פֿינינבערג
זיך הויך איבער זייערע פֿאַרגעסענע ווערק
ווי אומפֿאַרגעסענע נעמען, ווי בערג
בײַ נאַכט צעלויכטן אין אונדזערע טאָלן.

ער האָט זיך אויסגעצויגן
(משה בראָדערזאָן)

ער האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע אויף אַ פֿידל
און נאָכגעפֿלויגן ווי אַ פֿויגל נאָך זײַן ליד,
אַ יעגער האָט אים נאָכגעשאָסן אין די פֿליגל
און אין זײַן גוף געטראָפֿן פּינקטלעך אין דער מיט.

געפֿאַלן איז ער ווי אַ דונער אויף אַ דעמב אַן אַלטן,
נאָר ווײַט פֿון יעגערס שיסנדיק געווער,
געפֿאַלן איז ער אויף אַ דעמב און דעם דעמב צעשפּאָלטן
און דונערן נאָך דונערן האָבן זיך דערהערט
און לאַנג נישט אויפֿגעהערט.

פֿאַר וואָס?

פֿאַר וואָס איז געקומען זיי שטראָף בכלל?
זיי זענען געווען דאָך געטרײַע בירגער,
זיי האָבן געבענטשט סײַ מטר, סײַ טל
פֿון זעלבן סאָוועטישן סידור.

זיי האָבן געדינט דאָך געטרײַ דער אידיי
פֿון פֿרײַהייט, פֿון גלײַכהייט און אַנדערע גליקן,
איז וואָס זשע זענען שולדיק זיי,
וואָס ערנסט גענומען דעם גאַנצן ציקל.

דעם גאַנצן ציקל ליידיקע רייד
זיי האָבן געגלייבט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן
און האָבן דעם בעכער ליידיקערהייט
געהויבן הויך אין טיפֿן גלויבן.

ירושלים, 14טער פֿעברואַר, 1988

און איך האָב געחלומט

און איך האָב געחלומט פֿון ייִדישע שקאָלעס,
און איך האָב אַליין זיך פֿאַרלענגערט דעם גלות,
געהאָלפֿן די וועכטערס צו קאָוועןן די שלעסער,
געהאָלפֿן די שעכטערס צו שאַרפֿן דאָס מעסער.
אויף אייגענעם האַלדז געשאַרפֿט זייער מעסער.

נישט אמת, אַז ס'איז נישט געווען צו דערקענען,
געווען זענען שאַרף די סימנים פֿון גיהנום,
מיט ווערטער פֿאַרפּוצטע, מיט ווערטער פֿאַרגלעטע
געליגנערט האָט נאָר דאָס וואָרט דאָס גערעדטע,
דאָס איינציק געהערטע, דאָס וואָרט דאָס גערעדטע.

דאָס וואָרט דאָס געטראַכטע אין האַרץ האָט געשריגן
אויף ליפּן פֿאַרמאַכטע, וואָס האָבן געשוויגן,
דאָס וואָרט דאָס געטראַכטע האָט קבֿרים געריסן
און האָט מיט די ציין דאָס געוויסן געביסן,
ביז ווייטיק, ביז בלוט דאָס געוויסן געביסן.

אליעזר שטיינבאַרג

וויפֿל לאַנדסלײַט זענען נאָך פֿאַרבליבן,
וואָס געדענקען שטיינבאַרגס אויסזען און זײַן שטים?
כ'האָב די שטריכן פֿון זײַן פּנים אויפֿגעקליבן
בײַ די אויגן וואָס געדענקען אים.

כ'האָב אין קאָלניקס האָלצשניט זיך געגריבלט,
וואָס ער הענגט ביי סורקיסן אין הויז,
ער, ווען שטיינבאַרג וואָלט מיט זײַנע ברילן
אויף אַ רגע פֿון דער ראָם אַרויס.

וואָלט איך אויך געהאַט די גרויסע זכיה
זאָגן, אַז כ'האָב שטיינבאַרגן געקענט — —

אליעזר שטיינבאַרג זאָל זיך מ׳עז,
נעמט זײַן פּאַק משלים אין די הענט

און ער זעצט זיך נעבן טיש אַנידער,
שטילט זיך אײַן דער עולם מיט אַ מאָל
און מע הערט, סע זינגען זײַנע גלידער
מיט אַ מאָדנעם שטיינבאַרגישן קול.

עולם הערט, די בלעטלעך גיבן לשון,
בײדע ברידער מאַנגער זיצן מיט,
נטע שלינגט פֿון שטיינבאַרגס מויל אַ משל
און פֿאַרגעסט אַ רגע אין איציקס ליד.

משה אַלטמאַן מיט אַ קראַנקן אויער
הערט, ווי קיינער האָט נאָך נישט געהערט,
ווי דאָס משל רינט ווי פֿון אַ פֿלויער,
ס׳משל וועגן וואָגן מיט די פֿערד.

יעקב שטערנבערג זיצט דאָ נאָענט־נאָענט,
נאָר די אויגן בלאָנדזשען ערגעץ ווײַט.
אויף די דעקאָראַציעס פֿונעם אָוונט
שפּילט די אייביקייט זיך מיט דער צײַט.

אַלע גאָפֿן, גינינגער און ביקל,
בײדע סעגאַלס, בײדע ראָזנבלאַטס
און מע לאָזט זיך פֿירן אין אַ ליקל,
אין אַ קיך צום משל מיט דער קאַץ.

מיט דער קיך בשכנות, נאָך אַ צימער,
שטייט אַ טיש דאָרט, אויפֿן טיש אַ לאָמפּ,
צינדט ער אָן זיך מיט אַ פֿײַערדיקן שימער,
ציט ער סטענגעס דורך אַ נאָדל־לאָך מיט פּאָמפּ.

ס׳איז דער לאָמפּ אַ גאַנצן טאָג אַ בלינדער
און בײַ נאַכט אַ זעעוודיקער, זעט:
שטיינבאַרג לויפֿט אַרויס אין דרויסן צו די קינדער
און צעפֿירט זיי אַלע אַהיים. ס׳איז שפּעט.

וואַלט איך געווען אַ היגער דעמאָלט,
וואַלט מיך אויכעט ער אַהיימגעבראַכט,
אונדזער לעמפּל מיטן קליינעם פּלעמל,
וואַלט זיך ווי אַ לאָמפּ צעפֿלאַקערט אין דער נאַכט.

וואָס וועט זײַן?

צו דער 30סטער יאָרצײַט נאָך אליעזר שטיינבאַרג, אין טשערנאָוויץ 1962

וואָס וועט זײַן מיט יענעם האַלבן משל,
וואָס דער טויט האָט נישט געלאָזט דערשרײַבן?
ס'וועט אַ דאָך פֿאַרבלײַבן דאָך אַן לשון
און אַ פּלויט וועט דאָך אַ שטומער בלײַבן.

וויפֿל קלעצער וועלן בלײַבן ליגן,
נישט דערוואַרטן זיך צום וואָרט צו קומען,
ווײַל אַ משל איז געבליבן נישט־דערשריבן,
ווײַל דער טויט האָט דעם נמשל צוגענומען.

דרײַסיק יאָר שוין ציט זיך די לוויה
מיט די טרײַע טרעגערס פֿון זײַן אָרון.
שטעלט אײַך פֿאָר משלים זײַנע נײַע,
ווען ער וואָלט געלעבט די דרײַסיק יאָרן.

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז ער איז נישט געשטאָרבן,
אַז ער האָט דערלעבט די היטלער־גרוילן
און ער האָט דערלעבט צו זײַן אַ קרבן
אין די קרעמאַטאָריעס פֿון פּוילן.

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז ער איז לעבעדיק געבֿליבן,
גאַנץ אַרויס פֿון גיהנום אַסוויענצימער
און אין מיטן משל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן,
קלאַפּט מען אָן בײַ נאַכט צון אים אין צימער.

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אויך פֿון יענע ווײַטן
איז ער לעבעדיק צוריגעקערט געוואָרן
מיט אַ האָפֿענונג אויף נײַע פֿרײַע צײַטן,
מיט אַ האָפֿענונג אויף נײַע פֿרײַע יאָרן.

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז ער האָט גאַנץ געטראָפֿן
ס'האַלבע משל אויף זײַן טיש פּאַפּירן
און איז גאַנצע נעכט שוין ניט געשלאָפֿן
פֿון נישט קענען, ווּהין ער וויל, עס פֿירן.

פֿון נישט טאָרן, וואָס ער וויל, אונדז זאָגן,
אַ צענזור אויף אַלע חיות, זאַכן,
זײַנע לעמער טאָרן זיך נישט קלאָגן
אויף די וועלף, זיי דאַרפֿן זינגען, לאַכן.

דרײַסיק יאָר שוין ליגט דאָס האַלבע משל,
קיינער־קיינער קען עס נישט דערשרײַבן.
ס'וועט אַ דאַך פֿאַרבלײַבן שוין אַן לשון
און אַ פּלויט וועט שוין אַ שטומער בלײַבן.

ווי אַזוי א. שטיינבאַרג האָט געשריבן

אליעזר שטיינבאַרג פֿון משלים דער מחבר
שטאַמט, ווי אַלע ווייסן, פֿון אַ שטעטל פֿון אַ בעסאַראַבער,
ווּ די ייִדן אויפֿן מאַרק דאָרט פֿלעגן האַנדלען
נישט מיט ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
ווי סע זינגט זיך,
נאָר גאָר ווי אויף יעדן מאַרק, אויף וועלכן מע דינגט זיך,
האָבן זיי געהאַנדלט דאָרט מיט שאָף און רינדער,
און מיט פֿרישן קעז־און־פּוטער פֿאַר די קינדער,
פֿרישע אייער, הינער און מיט עפּל, באַרן, פֿלוימען
און מיט שפּילעכלעך פֿאַר קינדערישע טרוימען.
קומט אַראָפּ אויך אויפֿן מאַרק אַ בלינדער פּויערישער זינגער,
קלײַבט ער גראָשנס דאָ צונויף מיט זעעוודיקע פֿינגער

און ער זינגט דאָרט וועגן ליבעס מיט אַ שלעכטער ענדע,
וועגן טויט פֿון העלדן פֿון אַ ווײַטער פֿאָלקס־לעגענדע,
וואָס ער פֿירט זיי צו זײַן פֿאָלק אַריבער
אין דער שפּיץ פֿון סאַמע גרעסטן גיבור.
קומט אַ טונקעלער ציגײַנער מיט אַ בער אַ ברוינעם,
טאַנצט דער בער דאָרט פֿאַר די סוחרים, פֿאַר די קונים.
ביזן טאַנצן, נאָכן טאַנצן טוט ער זיך צום עולם בוקן,
קומט אויך שטיינבאַרג מיטן גאַנצן שטעטל קינדער קוקן.
קוקט ער צו זיך צו דעם מאַרק מיט זײַנע זיטן,
זעט ער, דער ציגײַנער האַלט אין לינקער האַנט אַ היטל
און אין היטל טוט ער געלט בײַם עולם קלײַבן.
שטיינבאַרג אײַלט אַהיים און נעמט זיך שרײַבן,
נישט, פֿאַרשטייט זיך, וויפֿל דער ציגײַנער האָט צונויפֿגעקליבן,
אָט וואָס שטיינבאַרג האָט אין יענעם טאָג פֿאַרשריבן:
„ס'איז דער בער צום טאַנצן בלויז מיט פֿיס געקומען,
האָט פֿאַר אים שוין דער ציגײַנער מיט די הענט צונויפֿגענומען
ס'ביסל שׂכר,
ס'ביסל האָנאָראַר
פֿאַר דער קונסט פֿון טאַנצן
און דאָס געלט, פֿאַרשטייט זיך, וועגן זיך געלאָזט אין גאַנצן,
האַלב דערפֿון דערנאָך פֿאַרטרונקען מיט די גוטע־ברידער,
האַלב פֿאַרלעבט מיט ווײַב־און־קינדער
און דעם בער ווי אַלע טאַנצנדיקע בערן
אָפּגעהיט, ער זאָל, חלילה, פֿעט נישט ווערן,
ווײַל דאָס קאָן צום טאַנצן שטערן".

אָנגעשריבן אָט די שורות מיט אַ כּתב מיט אַ געדיכטן
און ער זעצט זיך גלײַך זיי צו פֿאַרריכטן.

אינעם שטיבל

אינעם שטיבל, ווו איך פֿלעג
אלף־בית זיך לערנען,
פֿלעג דער הימל זיך אין נעכט
דורך דער שויב צעשטערנען.

און די אותיות פֿלעגן אויך
ווי פֿון נעסט דאָס קליינוואַרג,
ווי די פֿייגל פֿונעם בוך
פֿון אליעזר שטיינבאַרג.

אויפֿהויבן זיך העט־העט־העט,
פֿליִען צו די שטערן,
זינגען איבער שטעטלעך, שטעט,
אַלע זאָלן הערן.

אינעם שטיבל, ווו איך קום
איצטער אויפֿן זומער,
זענען טיר און פֿענצטער שטום
און די ווענט פֿאַראומערט.

נישט מײַן קינדהייט בלאָנדזשעט אום
צווישן ווענט אין שטיבל,
כ׳הער, אַן אַלטער פויער פֿרום
שלעפּט אַראָפּ די שטיוול.

און ער טריקנט זיך דעם שווייס
בײַ די זונענשטראַלן,
רייניקט אָן דעם אלף־בית
נאָך דעם אויס די שטאַלן.

אינעם שטיבל, ווו איך שלאָף
מיט די פֿענצטער אָפֿן,
חלום איך נישט און איך האָף
בעסער נאָך צו שלאָפֿן.

ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס משל

אויף דער בינע איז שוין אַלצדינג גרייט,
אי דער וואַלד דער גרינער, וועלכער שטייט
אויף אַ גרויסער לײַוונט אָנגעמאָלט,
אי די קליינע שטערנדלעך פֿון גאָלד־
פּאַפּיר, קונציק נאָכגעמאַכט
אויף צו שײַנען, ווען דער טעכניקער וועט מאַכן נאַכט,
אי דאָס גרינע בערגל פֿון פּאַניר,
בלויז דאָס פּאָרל, וואָס דאַרף קומען אויף שפּאַציר
און דאַרף שפּילן פֿאַרן עולם אַ פֿאַרליבטע פּאָר,
האָט זיך ערגעץ ווו באַהאַלטן און פֿאַרליבט זיך אויף דער וואָר.
ציטערן די ביימער אויף דער לײַוונט אָנגעמאָלט,
קלינגט דאָס גלעקל צו דער צײַט, צום דריטן מאָל,
הייבט זיך אויף דער פֿאָרהאַנג ווי אַ זייגער וואָלט מיט אים געפֿירט
און ס'איז אַלץ ניטאָ דאָס פּאָרל דאָס פֿאַרליבטע, וואָס שפּאַצירט
ערגעץ ווו און קומט נישט צו דעם בינע־וואַלד.
איז דעם וואַלד געוואָרן קאַלט,
ווי אַ וואַלד אַן אמתן בשעת די שרעק
נעמט אים דורך פֿון עק ביז עק,
ביז סע קומט די רויִקייט, וואָס גלעט,
האָבן ביימער אָנגעמאָלטע ווי די לעבעדיקע זיך צערעדט,
מיט גערויש אַרויס און אַרויס מיט לשון
און אַנשטאָט אַ דראַמע פֿאַרן עולם אָנגעשפּילט אַ משל.

פּאָרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַ רעזשיסאָר

(יעקב שטערנבערג)

אין דרויסן רעדט דאָס פֿאָלק, סע פֿירט די דיאַלאָגן
און שרײַבערס פֿאַנגען מיט דער פּען דאָס רעדן און דאָס זאָגן,
ס'האָט יעדער שרײַבער זיך זײַן שפּראַך אין דרויסן אויסגעקליבן,
נאָר ער האָט זיך זײַן שפּראַך אַליין געמאַכט און אויפֿגעשריבן.

געקומען האָט ער נאָר בײַם פֿאָלק בײַם רעדן און דערצײלן,
דאָס ברײטע מאַכן מיט די הענט און אויף די פֿינגער צײלן,
דאָס טיפֿע שאָקלען מיטן קאָפּ און דאָס פֿאַרצױען די אויגן,
ווי גלײַך ער װאָלט געמאָסטן װאָס און עפּעס־װאָס געװױגן.

געקומען האָט ער נאָר בײַם פֿאָלק דעם קלאַנג, דעם טאָן, די נאָטן
און אויפֿגעטרעטן אויף אַ קול פֿאַר זײַן אײגענעם שאָטן
און מיטן שאָטן אײַנשטודירט אַלע שטאַרקע ערטער
און ס'האָט דער שאָטן נאָכגעשפּילט דעם דיכטער אָן די װערטער.

זײַן לאַנגער שאָטן לױפֿט אים נאָך, די לאַנגע טריט צו מעסטן,
זײַן לאַנגער שאָטן מאַכט אים נאָך די שײנע רעדנערזשעסטן,
זײַן לאַנגער שאָטן מאַכט אים נאָך דעם בױג פֿון קאָפּ דעם פֿײַנעם
און אַלע שאָטנס לױפֿן נאָך דעם שײנעם שאָטן זײַנעם.

ס'האָט זיך הײַנט פֿאַרגלוסט מיר

ס'האָט זיך הײַנט פֿאַרגלוסט מיר פּלוצעם שטערנבערגן לײענען,
איך בין נישט געװען פֿון יענע, װעלכע פֿלעגן אים פֿאַרנײנען,
אָבער נישט פֿון יענע אויך, װאָס געװען גרײט אים קרײנען.

לאַנגע יאָרן נישט געלײענט אים, לאַגע יאָרן,
אויך אין יענע, װען מיר פֿלעגן אײנער צו דעם צװײטן פֿאָרן,
אויסגעהערט אים און דערמיט דאָס לײענען מיר פֿאַרשפּאָרן.

דװקא איך, פֿאַר װעמען לײענען איז דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן,
האָב דאָס בוך זײַנס אויף מײַן לײענטיש אַ פֿאַרמאַכטס
געלאָזט עס ליגן
און געהיט עס װי אַן אוצר (װאָס מע קען שױן הײַנט נישט קריגן).

דװקא איך, װאָס ליב געהאַט האָב סײַ זײַן קול און סײַ זײַן לשון,
האָב געציטערט, אַז דאָס װאָרט זײַנס זאָל נישט קומען אויסגעלאָשן
אויף דער פּען צו דעם פּאַפּיר, װי פֿון װײַטן אויסגעשאָסן.

כ׳בין זיך מודה, נישט דערוואַרט כ׳האָב, ווען געוואַלט
אים ווידער הערן,
זאָל פֿון בוך זײַנעם אַ זעץ טאָן מיט אַ מאָל אַזוי פֿיל שטערן,
וואָס געהאַלטן זיך באַהאַלטן אין די פֿאַלדן פֿון זײַן לידערבוך
דעם שווערן.

ירושלים, 17טער יאַנואַר, 1984

דער זקן משה
(משה אַלטמאַן)

דער זקן משה שטייט אויף פֿון געלעגער,
ווי ער איז אַ וואַכער געלעגן.
דער זקן משה, דער אייביקער פֿרעגער,
איז מיד שוין געוואָרן פֿון פֿרעגן.

און איצט וואָס טוט מען? פֿרעגט ער ווידער
און מישט די בלעטלעך מיט ציטער,
די כּתבים זײַנע, פֿאַראַן אויך לידער,
ער לייענט, אַנטציקט זיך און שמייכלט ביטער.

און אָט איז די ערשטע שורה פּראָזע,
אַ דין פֿאַראַקערטע מעזשע.
אַ מעשׂה — אַ דאָרף שלאָגט זיך מיט קאָסעס —
ווידמעזשע צי מעדוועזשע?

אַ שלאַכט פֿאַרן איינציקן וואָרט — דער נאָמען
פֿון דאָרף מיט אַנאַלפֿאַבעטן.
און איבער דער שלאַכט דער גײַסט פֿון המן,
וואָס קוקט מיט פּאָגראָם צום שטעטל.

״די ווינער קאַרעטע״ ליגט צעבראָכן.
— געדענקסטו ווי שטאָלץ זי איז אָנגעפֿאָרן?
ווער וווינט אַצינד אינעם הויז פֿונעם שכן
און וואָס איז פֿון מלמדס שטוב געוואָרן?

אין שטוב, אין גאַס און אויף די וועגן,
ער הערט נישט אויף זײַנע פֿראַגעס צו וועבן.
ער וועט נאָך לאַנג נישט אויפֿהערן פֿרעגן
און אַלע ענטפֿערס איבערלעבן

ביז וואַן סע וועט בלײַבן אַן אײנציקע פֿראַגע,
אַ נישט פֿאַרענטפֿערטע פֿון קײנעם,
וואָס ער האָט געבראַכט פֿון סאָוועטישן לאַגער,
זי אויסגעהיט פֿון חבֿרים און שכנים.

זי אויסגעהיט פֿון פֿרײַנד און משפּחה,
פֿאַר זיך אַלײן בסוד זי געהאַלטן
די שווערע פֿראַגע, דעם קאָפּ זיך געבראָכן,
וואָס ווערט אים אין שלאָפֿלאָזע נעכט צשפּאָלטן.

— כ׳האָב אָנגעהויבן, זאָגט ער, מיט חלום
און אָפּגעהאַרעוועט אַ לעבן,
אים אויסצובויען און ווײַטער אים מאָלן
און זע: איך שטיי אויפֿן אָרט אויפֿן זעלבן.

און ווידער הבֿל, דער זאַטער רשע,
און ווידער קין, דער דאַרער מערדער,
און איך האָב געהעלדעוועט מיט לשון,
משיחן ברענגען געוואָלט מיט ווערטער.

ס׳אַ וועלט מיט זינד און מיט פֿאַלשע צדיקים,
ס׳דערגייט צו מײַן טויבן אויער אַ רוישן —
דעם רשע אין זיך, צי האָב איך דערשטיקט אים
ווי משה רבינו, דער ערשטער משה?

אַזוי צי אַזוי... יתגדל ויתקדש,
אַ קדיש נאָך אַלײן לאָזט מיך זאָגן,
מע וועט מיך מקבר זײַן אום שבת,
מע וועט מיך אין גוישן פֿעלד באַגראָבן,

איז לאָזט מיך בײַם לעבן אַליין זיך באַקלאָגן,
אַ קדיש נאָך זיך אַליין לאָזט מיך זאָגן:
יתגדל ויתקדש — —

ירושלים, 29סטער נאָוועמבער, 1981

איציק מאַנגער

געפֿלויגן־געפֿלויגן דאָס ליד איז צום לייענער,
דאָס שענסטע געזאַנג צום ווײַטסטן הערער
און מאַנגער, דער זינגער, ווי קיינער־קיינער
איז איבער די קעפּ פֿון זײַנע פֿאַרערער
געוואָרן מײַן ווײַטער לערער.

ס'האָט נטע, זײַן ברודער, עליו־השלום,
מיך אומגעזוכט אין דודעשטער שטיבער,
ס'האָט עטל, זײַן פֿרוי, דערציילט אַ מאָל אים,
אַז איינעמס ליבשאַפֿט צו איציקס לידער
וועגט איבער די ליבשאַפֿט, וואָס צווישן ברידער.

הײַדל־דידל־דוי

אויף דער בינע שטייט אַ ייִד
און ער זינגט אַ ייִדיש ליד,
זינגט אַזוי טשעקאַווע
און אין זאַל דאָרט, אין דער מיט,
זיצט און הערט אַן אַנדער ייִד
און ער קלאַפּט מיט אַלע מיט
און ער פּליעסקעט בראַוואָ.

אויף דער בינע זיצט אַ פֿרוי
און זי שפּילט באַטעמט אַזוי
מיט די יונגע פֿינגער.

זינגט דער זינגער הײדל־דוי
אַן אַ קרעכץ און אָן אַן אוי,
און סע שפּילט אים צו די פֿרוי,
העלפֿט אַרויס דעם זינגער.

זינגט דער זינגער שיין, צום גראַם
ס׳ליד פֿונעם רבינו תּם
און אַ פֿרייד פֿאַרשאַפֿט ער
און אויף יענער זײַט פֿון ים
טויזנט מײַלן פֿון זײַן שטאַם
און פֿונעם רבינו תּם
עלטערט זיך דער ״אַוטער״.

געשטאָרבן דער זינגער

געשטאָרבן דער זינגער פֿון ברויט און פֿון ווײַן,
מיטן טויט טאָר מען קיינעם מקנא נישט זײַן,
אַפֿילו דאָס איז דער גרעסטער פּאָעט,
אַפֿילו ער שטאַרבט אויפֿן אייגענעם בעט.

געוועזן איז אַ צײַט, די צײַט איז שוין ווײַט,
פֿאַר וואָס זשע קלינגט נאָך איצטער זײַן ליד?
ווען ער האָט געזונגען פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט,
מע זאָגט דאָך, דער זינגער זינגט שוין ניט.

סע זינגט זיך דאָס ליד אָנעם זינגער, אַליין,
און סע קלינגט אינעם ליד געזאַנג און געוויין —
״געוויין פֿון אַ ווערעמל און פֿון אַ גראָז,
געוויין פֿון אַ שטערנדל און פֿון אַ האָז״.

געשטאָרבן דער זינגער פֿון שטערן און ווײַן,
מיט טויט טאָר מען קיינעם מקנא נישט זײַן,

אַפילו דאָס איז דער גרעסטער פּאָעט,
אַפילו ער שטאַרבט אויף זײַן אייגענעם בעט.

טשערנאָוויץ, פעברואַר, 1969

**
*

פאַר שלום ראָזנפעלד, דעם איניציאַטאָר און גרינדער
פון דער איציק מאַנגער-פּרעמיע

שלום
צו אַלע רויזנפעלדער
און אַלע רויזנטעפּלעך
פאַרזייטע אויף די בערגלעך
צעשטעלטע אויף די טרעפּלעך.

זיי וואַקסן פון די רעגנס
און פונעם רערן־וואַסער
אין דער רויזן־געגנט
און אין שטאָטישע גאַסן.

אין פענצטער, בײַ די שויבן
און אין קווייטגעשעפטן,
בײַ יונגען אין די שויבערס,
און זייערע לידערהעפטן.

צו אַלע רויזנפעלדער,
צום איינעם ראָזנפעלד,
וואָס האָט אַ רויזן־דענקמאָל
מאַנגערן געשטעלט.

ירושלים, 1טער יאַנואַר, 1989

דער וואַנדער-דיכטער

דעם אָנדענק פֿון פֿאַרגעסענעם וואַנדערנדיקן ייִדישן דיכטער צבֿי כאַלאַדענקאָ, וואָס פֿלעגט אין די בעסאַראַבער ייִדישע שטעטלעך לייענען לעקציעס און לידער אייגענע און פֿרעמדע.

כ׳האָב אַ וואַנדערער אין וועג
אָפּגעשטעלט און אים געפֿרעגט:
— זאָגט, ווי אַלט זענט איר עס, פֿעטער?
— זעכציק טויזנט קילאָמעטער
און ביז הונדערט צוואַנציק טויזנט
פֿעלט מיר אויס נאָך איין פּאָר הויזן
און אַ העמד נאָך איינס, אַ ריינס
און אַ בינטעלע אַ קליינס.

האָב איך זיך אַוועקגעקערט
מיט די אויגן צו דער ערד
אַ פֿאַרשעמטער, אַ פֿאַרקלעמטער,
כ׳האָב קיין הויזן נישט, קיין העמדער,
אַז איך האָב נישט וואָס צו געבן,
האָב איך נישט וואָס צו פֿרעגן.

כ׳שטיי און גיב זיך נישט קיין ריר,
קריגט ער מיטלייד, ער אויף מיר
און ער זאָגט מיר: נאָר דו איינער,
איך בין רײַך ווי קיינער־קיינער,
כ׳האָב אַ סאָלאָוויי פֿאַרשלונגען,
ווען ער האָט אין וואַלד געזונגען.

ס׳איז געווען אין פֿרילינגצײַט,
כ׳האָב געהערט אים פֿון דער ווײַט,
נישט געוואָגט כ׳האָב צוגיין נאָענט
און פֿון דעמאָלט, יענעם אָוונט,
זינגט דער פֿויגל האָט געזונגען
פֿול מיט לידער מײַנע לונגען.

מיט די אויסגעקרימטע שיך,
מיט אַן אַלטן ראָק אויף זיך,
גיי איך אום פֿון שטאָט צו שטעטל
מיט אַ בינטל, מיט אַ בלעטל
און בין גליקלעך, מעגסט מיר גלויבן,
ווען איך הער אין מיר דעם פֿויגל.

קום איך אין אַ שטעטל אָן
מיטן ערשטן קריי פֿון האָן,
וועק דעם עולם ווי צו סליחות:
ייִדן, קומט און הערט דעם שיחת
חולין פֿון אַ ייִד אַ פֿויגל,
וואָס ער שטייט פֿאַר אײַערע אויגן.

כ׳לייען אַ לעקציע אין אַ הויז,
וואָס איז ווי אַ נוס די גרויס,
זינגט אין מיר דער פֿויגל דאָרטן,
לייען איך ביאַליקס ליד ״מײַן גאָרטן״,
סאַראַ חילוק וואָס און וועמעס
ס׳איז קיין חילוק נישט דעם אמת.

ס׳איז דער אמת ריין ווי גאָלד
און מיט קופּער אָפּגעצאָלט,
פֿאַר אַ פּראָסטן קופּער־גראָשן
עס איך ברויט און שפּײַז מײַן לשון
און בין גליקלעך, מעגסט מיר גלויבן,
ווען איך הער אין מיר דעם פֿויגל.

זײַן ליד וועגן סטעפּ

(מרדכי גאָלדענבערג)

ער האָט מיט מיר זיך דערפֿרייט, זיך צערעדט,
(צי פֿרייט ער אַזוי זיך מיט יעדן?)
ווען פֿרייט זיך אַ ייִד און ווען אַ פּאָעט?
ווען ער האָט צו וועמען צו רעדן:

„אַט רעד איך ייִדיש, העברעיִש אויך,
די קינדער זיי קענען נישטביידע,
די אייניקלעך וועלן דורך פֿײַער און רויך
זיך אומקערן צוריק צום ייִדן״.

אַזוי האָט דעמאָלט געקלונגען זײַן וואָרט
אויף יענער ערד דער צעשטערטער,
זײַן ליד וועגן סטעפּ קלינגט איצטער פֿון דאָרט
אויף היגע פֿעלדער און ערטער.

ירושלים, 1974

צוריק צו גאָט און לײַט
(איציק פֿאַנער)

נישט ווייניק חסידים האָט ייִדיש געהאַט,
אַ סך פֿון זיי דערנאָך זיך געשמדט,
כאָטש ס'איז זיי דער שמד נישט אָפּגעגאַן גלאַט.

נאָר ווער ס'איז צו ייִדיש געטרײַ געווען
און ער האָט דעם שמד פֿון די ייִדן געזען
(אויף יעדן ווי ער צו הונדערט מיט צען),

האָט אויך געוווּסט, אַז אומזיסט זײַנע רייד,
דער דור וועט דורכגיין טויבערהייט,
אַזוי ווי ערגעץ געשריבן שטייט.

דערנאָך וועט קומען אַן אַנדער צײַט,
געשמדטע וועלן קומען פֿון ווײַט
צוריק צו גאָט און לײַט.

און ער פֿאַר זיי וועט עפֿענען ברייט
די טירן און אויפֿנעמען זיי מיט פֿרייד
אַזוי ווי ערגעץ געשריבן שטייט.

זלמן ראָזנטאַל

(דער מחבר פֿון געזונגענעם און זייער פּאָפּולער געוואָרענעם ליד
אין בעסאַראַביע בשעתו "אין אַ שטעטל שטייט אַ שטיבל מיט
אַ גרינעם דאַך")

"אין אַ שטעטל שטייט אַ שטיבל
מיט אַ גרינעם דאַך"
און אין שטיבל שטייען געשריבן
אותיותלעך אַ סך.

גייט אַ רויך אַרויף און אויבן
שמעקט דער רויך מיט טינט.
ברענען אותיות אין אויוון
און סע וויינט אַ קינד.

וויין נישט, קינד, די אותיות ווערן
קיין מאָל נישט פֿאַרברענט,
און אַן אַלף־בית ווי שטערן
ליגט ביַי גאָט אין ד'הענט.

אַז דו וועסט נאָר עלטער ווערן
וועסטו אויך פֿאַרשטיין,
אַז די שטערן זענען טרערן
פֿונעם פֿאָלקס געוויין.

וועסטו זאָגן: ייִדן, ברידער,
שוין געוויינט אַ סך —
"אין אַ שטעטל שטייט אַ שטיבל
מיט אַ גרינעם דאַך".

זאָלסט מיט אָט דעם פֿריילעך לידל
קומען אויף דער גאַס
פּונקט ווי ייִדל מיטן פֿידל,
בערל מיטן באַס.

זאָלסט זיך לאַנג נישט לאָזן בעטן,
זינג און ווער נישט מיד,
וועלן אויסוואַקסן פּאָעטן
פֿון דײַן שיינעם ליד.

יעקב גראַפּער

אין אַ שטאָט אין אַלט־רומעניע
האָט צעוואַקסן זיך אַ בוים,
זײַנע פּירות פֿולע זשמעניעס
וואַרפֿט ער אונדז איבערן צוים.

ביז די צוים איז אײַנגעפֿאַלן
ווײַל דער בוים געווען איז ענג —
ביימער האַלט מען נישט אין שטאַלן,
וואַקסן זיי אין ברייט און לענג.

האָבן ביימער פֿון דער ווײַטן
אים דערהערט, דעם ברודער־בוים,
ס׳איז געווען נאָך יענע צײַטן,
ווען בשותּפֿות מ׳האָט געטרוימט.

ביז מ׳האָט אויסגעטרוימט קאַפּויער,
ביז מ׳האָט אויסגעטרוימט פֿאַרקערט,
נאָר סע קלינגט נאָך אין מײַן אויער
זײַנע שיינע לידער, כ׳הער:

„באַלד איז דאָ אין שטאַל טעאַטער,
קאָסט פֿיר קנעפּ אַנטריי,
ווער ס׳וועט געבן פּערלמוטער,
דער באַצאָלט נאָר צוויי".

וו׳ז די שטאַל און דאָס טעאַטער?
כ׳האָב געבראַכט די קנעפּ —
סאַמע סאַמע פּערלמוטער
פּולע־פּולע טעפּ.

ירושלים, 1993

שמחה שוואַרץ

עס האָבן געקריגט זיך עטלעכע טאַלאַנטן
אין איינעם אַ קינסטלער אַ באַקאַנטן,
דער סקולפּטאָר אין אים האָט איבערגעשלאָגן
די רייד פֿונעם שרײַבער, זײַן זינגען און זאָגן,
דער שפּילער אין אים האָט איבערגעשניטן
דעם הויכן פּירהאַנג פּונקט אין דער מיטן,
מע זאָל אים אַראָפּהערן פֿון דער בינע,
די טעקסטן זײַנע און סײַ זײַן נגינה,
מע זאָל אים הערן, מע זאָל אים זען
ווי ער אַליין באַשטייט פֿאַר צען.

עס האָבן זיך אָנגעקליבן יאָרן
פֿון זינט ער איז ווײַט אַוועקגעפֿאָרן
פֿון אונדז קיין פּאַריז, אין דער שטאָט פֿון קונסטן,
צו וועלכער קונסט איז געווען צו גונסטן
די לופֿט פֿון פּאַריז, דער פּאַריזער עולם,
צי האָט ער געשפּילט דאָרט אין לייוויקס גולם
און ווי איז געווען אין אַנדערע שטעט?
צי האָט געזיגט אין אים דער פּאָעט?
צי גאָר דער סקולפּטאָר פֿון יידישן אות?
געזיגט האָבן אַלע סוף־כּל־סוף.

טשערנאָוויץ, 1957

מײַן ערשטער רעדאַקטאָר

דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון שמואל אבא סופֿר

צי איז עס אמת, אַז פֿון דעמאָלט
איז פֿערציק יאָר שוין, ווי איז מיר,
פֿון זינט כ׳האָב געבראַכט דאָס ערשטע פּלעמל,
דאָס ערשטע ליד צו סופֿרס טיר.

אַ שטילן קלאַפּ האָב איך אויסגעציטערט
ווי אויף אַ פּײַקל שטײַף־געשפּאַנט
און נישט באַמערקט ווי ס׳האָט זיך צעוויטערט
דאָס ליד אויפֿן שטיקל פּאַפּיר אין דער האַנט.

און ס׳האָט דער גוטער מענטש שמואל אבא,
שמואל אבא סופֿר, ער אַליין
פֿון דער האַנט עס גענומען — אַדרבא,
ס׳איז בעסער אַ גרעזל איידער אַ שטיין.

אַ ציטערדיק גרעזל, אַ לעבעדיק גרעזל
און נישט קיין שטיין, וואָס רירט זיך ניט.
ס׳איז גראָדע דעמאָלט פֿרילינג געוועזן,
ווען כ׳האָב אים געבראַכט אַן אָסיען־ליד.

ער האָט געשײַנט און ס׳האָט אים געוואָלט זיך
אַ שותּף האָבן צו אָט דער שײַן,
נאָר פֿון װעלן ביז װערן באמת איז פֿאָלג מיך
אַ גאַנג אין סאַמע אומגליק אַרײַן.

עס איז דער גוטער מענטש שמואל אבא
פֿאַרשלעפּט געוואָרן פֿון בייזן דײַטש
און ס׳איז מיר פֿאַרבליבן זײַן אַדרבא
און פֿונעם ציטערדיקן גרעזל די טײַטש.

1974

וויפֿל שפּיצן האָט אַ שטערן?

לזכר משולם סורקיס

וויפֿל שפּיצן האָט אַ שטערן?
וויפֿל וויצן ווייסט אַ ייִד?
אין טעאַטער טאַנצן בערן
און דער עולם פּליעסקעט מיט.

קומט דער רעצענזענט פֿון בלעטל
און ער רײַסט אַראָפּ דאָס שטיק,
פֿאָרט די טרופּע פֿונעם שטעטל
אין דער שטאָט אַרײַן צוריק.

טוט דער קאָמיק אָפּ אַ שפּיצל,
קערט זיך אום צום רעצענזענט
און ער לייגט אַרײַן אַ וויצל
אין די שרײַבערישע הענט.

שטעקט זיך אָן די פּען, דער טינטער,
חכמהט זיך אַ האַלבער בלאַט,
ווערט אַ היץ אין מיטן ווינטער
פֿון אַ וויץ ביז פֿערציק גראַד.

וויפֿל שפּיצן האָט אַ שטערן?
וויפֿל וויצן ווייסט אַ ייִד?
אויב איר ווילט די וויצן הערן,
וועל איך אָפּשטעלן דאָס ליד.

פֿון אַלע בלינדע

אַברהם מאָרעווסקין

פֿון אַלע בלינדע דער בלינדסטער
בין איך אין דער נאַכט דער בלינדער,
ס׳איז גרינג אויפֿן פֿאָן פֿון דער פֿינצטער
צו מאָלן מיט די אויגן בילדער.

דער דמיון פֿון יעדן בלינדן
איז רײַכער פֿון רעגן־בויגן.
מע קאָן נישט דעם דמיון פֿאַרבינדן
און מאַכן אים בלינד ווי אויגן.

איך זע נישט, ווען דער חושך
האָט אײַנגעהילט אין זײַן מאַנטל,
נאָר כ׳הער, ווי אַ בוים האָט צערוישט זיך
דאָס בילד פֿון אַן אַלטן באַקאַנטן.

איך פֿיל אַ באַקאַנטן ריח,
און הער אַ באַקאַנט געשריי,
מײַן זיידע איז אויפֿן מזבח
געבונדן, דער צענטער אין ריי.

מײַן זיידע פֿאַרברענט איז געוואָרן,
דער ווינט האָט דאָס אַש פֿאַרווייט
און איצטער, נאָך הונדערטער יאָרן,
איך הער ווי מײַן זיידע גייט.

מײַן זיידע איז אַרײַן ווי אַ דיבוק
און האָט זיך באַזעצט אין מיר,
מײַן באָבע, מײַן זיידנס זיווג,
זי פֿירט אונדז פֿון טיר צו טיר.

זי קלאַפּט אין די טירן און וואָרנט
די אייניקלעך אירע פֿון לאַנד.
זי פֿירט מיך, דעם בלינדן, פֿון פֿאָרנט,
זי פֿירט מיך אַרום בײַ דער האַנט.

צי מיינט זי מיך, צי מײַן זיידן,
וואָס האָט זיך באַזעצט אין מײַן פֿעל?
צי איז טאַקע דאָ זײַן גן־עדן
אין מיר, זײַן איינצל־צעל?

פֿון אַלע בלינדע דער בלינדסטער
בין איך אין דער נאַכט דער בלינדער.
ס'איז גרינג אויפֿן פֿאַן פֿון דער פֿינצטער
צו מאָלן מיט די אויגן בילדער.

לויטן זכּרון

לזכר אַלטער קאַציזנע

הערט אויס מיך אַ בעלעמער מעשׂה,
נאָר פֿריער האָט אַלע אין זינען —
די ערד איז דאָרט ווינטער אַ ווײַסע,
די ערד איז דאָרט זומער אַ גרינע.

און הייבט אָן אַ ווינט דאָרט צו בלאָזן,
פֿאַרדעקט ער דאָס שטעטל מיט שטויבן.
דאַך וואַקסן אַרויס דאָרט די גראָזן,
די שנייען דאָרט פֿאַלן פֿון אויבן.

דער שניי איז דאָרט גוט פֿאַר אַ שליטוועגס,
דאָס גראָז איז דאָרט גוט פֿאַר די ציגן,
מע קאָסיעט עס אָן אין אַ מיטוואָך,
מע לאָזט אויפֿן בוידעם עס ליגן.

נאָר גיי און דערצייל דאָרט די קינדער
פֿון שניי צי פֿון גראָזן צום קאָסיען,
אַז צווישן דעם זומער און ווינטער
ציט זיך אויס אַ לאַנג־לאַנגער אָסיען.

און הייבֿט אָן אין אָסיען אַ רעגן,
איז נישט אויף אַרויסצוטרעטן.
די בלאָטעס פֿון אַלע וועגן
זיך גיסן צונויף אינעם שטעטל.

ווי אַלע אָרעמע מלוכות
פֿאַרמאָגט אויך דאָס כעלעם אַ קעניג
אַ בייזן ווי זיבעצן רוחות,
וואָס וויפֿל מע גיט אים, איז ווייניק.

ס'האָט גאָלדענע שיך דאָרט ער איינער,
איז וויל ער מיט זיי זיך באַווײַזן,
נאָר בלאָטע איז דאָך נישט קיין שטיינער
און גאָלד איז דאָך נישט קיין אײַזן.

איז האָט דאָרט די דומע באַשלאָסן
(מע האָט עס איר פֿריִער באַפֿוילן)
צו קויפֿן דעם קעניג קאַלאָשן,
די טיפֿסטע קאַלאָשן פֿון פּוילן.

דער קעניג אין זיי מיט די גאָלדענע שיך איז
אַרײַן און גענומען זיך גרויסן,
דער קעניג — דער גרעסטער יִחוס —
מאַרשירט אין דער בלאָטע אין דרויסן.

מאַרשירט מיטן קאָפּ הויך פֿאַרריסן,
נאָר ס'האָבן די טראָפּנס פֿון אויבן
געטריפֿט און גענומען האָט גיסן
דעם קעניג גלײַך אין די אויגן.

און דאָ האָט דער אויבערשמש
דעם קעניגס קאָפּ אָנגעבויגן
און ס'איז אים בפועל־ממש,
געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן.

צי האָט מען דעם קעניג באַגנבעט,
דעם קליגסטן כעלעמער קעניג?
און ס'האָט זיך דער שמש צעחנפֿעט:
"מײַן קעניג, שײַנט אינעווייניק".

דאָס גאָלד אין קאַלאָשן באַהאַלטן —
וואָס טוט מען, אַז יעדער זאָל זען עס ?
מע מאַכט אין קאַלאָשן שפּאַלטן
און זאָל מען זען, אַז ס׳איז אמת.

נאָר דאָ איז אַ נײַע צרה,
ווי נאָר מ׳האָט זיי אײַנגעשניטן,
זיי זענען פֿולע געוואָרן
מיט בלאָטע, ווי גלײַך מ׳האָט פֿאַרביטן

די קעניגלעכע קאַלאָשן,
דעם קעניגס קאַלאָשן די טיפֿע.
און גלײַך איז געוואָרן באַשלאָסן
צו רופֿן אַן עקסטראַ־אַסיפֿה.

געפֿונען האָט גלײַך די אַסיפֿה
אַן אויסוועג אַזאַ, וואָס וועט טויגן —
מע דאַרף די קאַלאָשן די טיפֿע
פֿאַרשטאָפּן מיט שטרוי פֿון די סטויגן.

געוועזן, פֿאַרשטייט זיך, אויך קעגנער,
די פּויערים־דעפּוטאַטן,
און ס׳האָבן דאָרט זייערע רעדנער
געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן.

אַן אויפֿשטאַנד האָט אויסגעבראָכן
מיט אמתע פֿראָנטגעשלעגן,
וואָס האָבן געדויערט וואָכן
אויף אַלע גאַסן און וועגן.

געוועזן נישט אַרויסצוטרעטן,
צום סוף איז דער קעניג אַנטלאָפֿן,
אַוועק אין אַן אַנדער שטעטל,
נאָר ס׳האָט דאָרט דאָס זעלבע געטראָפֿן.

פֿון קעניגס עקזיל אין דרויסן
איך וועל אײַך דערציילן באַזונדער,
אַזוי פֿיל געשעענישן גרויסע
אין איין און דעם זעלבן יאָרהונדערט.
איך ענדיק דערווײַלע די מעשׂה.
וואָס איר האָט געהערט און באַוווּנדערט.

*

פֿון וואַנען איך ווייס, אַז די מעשׂה
איז נישט קיין אויסגעטראַכטע?
איך האָב דערצו באַווײַזן
פֿון אַלטער קאַציזנע געבראַכטע.

קאַציזנע, עליו־השלום,
דער וואַרשעווער ייִדישער שרײַבער,
איז נישט געווען, חלילה,
קיין לץ, קיין קאַטאָוועס־טרײַבער.

ער האָט געפֿאָרשט די אַרכיוון
און דאָרט ווערט אַלצדינג געשילדערט
און פֿון די קאַלאָשן די טיפֿע
געמאַכט אויך פֿאָטאָ־בילדער.

ס'האָט אַלטער געזאַמלט, געקליבן
אַ פֿינטעלע אַ ליאַדע,
דערנאָך האָט ער אַלצדינג באַשריבן
אין זײַנער אַ כעלעמער באַלאַדע.

איך האָב זי בשעתו געלעזן,
פֿון דעמאָלט אַוועק זעגען יאָרן
און הײַנט, מײַנע ליבע לעזער,
דערצייל איך זי לויטן זכרון.

ב

אַברהם סוצקעווער

פֿײַערקאַלטע שטיינער פֿון גראַניט
אויסגעבעט מיט סאַמעטהאַרטע זאַמדן.
כ׳האָב מײַן זאַק מיר אָנגעפּילט מיט ליד
און איך טראָג אים ווי אַ טרעגער־למדן.

כ׳לאָז אַראָפּ אים אויף מײַן לידערטיש
אויף פּאַפּירן ווי אויף כוואַליעס פּאַרמעט
און איך זעץ זיך אין דער ליכטעניש
צו מײַן זינדיק־פֿרומער, שרײַיִק־שטומער
וואַכער חלום־אַרבעט.

מײַנע חלום־שלעסער האָבן זיך צעשיט,
ווען דעם חלום האָט דער שלאָף באַוועלטיקט.
ס׳ווערט אין שלאָף דאָך חרובֿ, וואָס ס׳איז ניט,
בוי איך אַנדערע מיר מידבּרדיק, געצעלטיק.

כ׳שלײַף די זאַמדן פֿונעם זאַק און שלײַף,
יעדער טראָפּן זעמדעלע באַזונדער,
ווי רובינען פֿון אַ מילגרוים, וואָס איז רײַף,
קלעפּן זיי צונויף זיך אין אַ וועלטיש וווּנדער.

איצטער טראָג איך מײַן פֿאַרמעג צוריק
אינעם וואַלד פֿון שטיינערנע גראַניטן,
ליידיק אויס דעם זאַק און האַק מיר אָפּ אַ שטיק,
פֿונעם מינדסטן זעמדל כ׳האָב אַ שטיין מיר אויסגעשניטן.

און פֿון טויזנט שטיינער האָב איך דאָרט
אויפֿגעבויט, צונויפֿגעקלעפּט אַ זעמדל
און פֿון אותיות־מופֿתים אויפֿגעבויט אַ וואָרט
צווישן ווערטער טויזנטער — יעדער וואָרט אַ רענדל.

*

אַז ווייל איז דיר.
דו גלייבסט אין אומבאַקאַנטן לייענער.
פֿון וואַנען ווייס איך, אַז ער איז נישטאָ ?
איך ווייס אויך נישט, צי יאָ
און אפֿשר איז ער טאַקע קיינער
און ווי סע האַלט די וועלט זיך נישט אויף גאָרנישט,
האַלט זיך אויך דײַן גלויבן אויף דעם קיינער,
אומבאַקאַנטן לייענער,
און וועט זיך האַלטן יאָרן אָן אַ שיער,
אַז ווייל איז דיר.

ירושלים, 2טער סעפּטעמבער, 1988

אַ טורעם

פֿאַר אַברהם סוצקעווער

אַ טורעם האָסטו אויפֿגעבויט פֿון לידער
און ס׳ווערט דאָרט נישט באַוואַכט קיין איינציק ליד,
ס׳איז פֿרײַ דער לייטער און אַ מלאך נידערט,
אַ צווייטער שטײַגט אויף טרעפּ מיט פֿעסטע טריט.

מע דאַרף קיין וואַך נישט, כּלומרשט דיך צו היטן
און אין אַרענדע נעמען דײַן פֿאַרמעג,
דער וועג, וואָס האָסט אַרויף, אַרויפֿגעשניטן,
פֿאַרבלײַבט דער קאַלענדאַר פֿון דײַנע טעג.

אויך מענטשן (נישט נאָר קיין מלאכים) שטײַגן
און נידערן כּסדר אין דײַן וואָר
און שאָטנס אויף די שטאַפּלען ווי אויף צווײַגן
זיי שנײַדן פֿאַר דײַן אויג זיך שוואַרץ און קלאָר.

און אַלץ אין חלום אויף דײַן חלום-לייטער
און אויף דעם זעלבן לייטער נישט קיין צווייטער,
און אויף דעם זעלבן לייטער נישט קיין צווייטער
מיר נידערן און שטײַגן דור נאָך דור.

אַ טורעם האָסטו אויסגעבויט לדורות,
אַ פֿעסטונג פֿאַרן ליד פֿון ליד געבויט,
געבויט פֿון ליכט — פֿון פֿאַקלען און מנורות,
אַ לידער־טורעם האָסטו אויפֿגעבויט.

ירושלים, פֿרײַטיק, 3טער יולי, 1986

אייביקע וואָר

אַברהם סוצקעווערן

איך האָב זיך פֿאַראַנקערט אין אַ בילד,
זיך צוגעבונדן צו אַ הויכן סטויג,
זיך ווי אַ הונט פֿון קייט געריסן ווילד,
זיך אָפּגעריסן און געלאָזט אַן אויג.

איז ווער זשע וועט מיר גלייבן איצט, מײַן גאָט,
בשעת איך שטיי דאָ מיטן קאָפּ אַרויף
און קוק דאָ אויף אַ הויכן הויז אין שטאָט,
אַז כ׳זע אַ סטויג דאָרט אין אַ גרויסן הויף?

און אַז איך זע דורך יענעם אויג אָט דאָ,
ווי דאָרט פֿאַרגנבעט זיך צום סטויג אַ פֿונק
און אויפֿן פֿאָן פֿון הימל וואָס איז בלאָ
סע שטרעקט דער סטויג אַרויס אַ רויטע צונג.

און אַז סע ברענט דער סטויג, ברענט אויך דער פּלויט,
צעברענט דאָס הײַזל אינעם הויף זיך אויך
און מיטן לעבעדיקן פֿײַער קומט דער טויט
און גאָר דאָס לעבן גייט אַוועק מיט רויך.

דער סטויג האָט דאָרטן לאַנג שוין אָפּגעברענט,
ווי אויך דער פּלויט, די ווענט און דאַך פֿון הויז,
נאָר איך זע אַלץ די אויסגעשטרעקטע הענט
פֿון די, וואָס זענען פֿונעם הויז אַרויס.

און מער קיין הויז נישט אויפֿגעבויט זיך דאָרט,
און מערער דאָרט נישט אויפֿגעשטעלט קיין סטויג,
דאָס אויג, וואָס כ'האָב געלאָזט אויף יענעם אָרט,
ווערט וואַכן אייביק, אייביק בלײַבן אויג.

ירושלים, 6טער מײַ, 1979

מע וועט אַ מאָל

מע וועט אַ מאָל זיך נאָך באַווײַזן
אויף שׂימחות, אויף באַנקעטן, אויף אַ באַל
מיט רעדן מאַמע־לשון גאָר אָן גרײַזן,
מיט לייענען סוצקעווערן אין אָריגינאַל.

מיט אויסהערן יעקבֿ גלאַטשטיינס טענות
געבראַכטע אויף אַ זילבערטאַץ צום טיש.
די אייניקלער זיך קוויקן ווי מיט מאַרצעפּאַנעס
און נישט די זיידעס, נעבעך, וואָס פֿאַרשטייען נישט.

מע קוויקט זיך ווי מיט שטרודל, האָניק־לעקער
און אַנדערע אַלטמאָדישע געבעקס
און געסט געקליבענע העברעיִש־קענערס
פֿאַרטײַטשן טבֿיהס פּסוקים צוריקצווועגס.

בײַ מאַנגערס חומש־לידער וועט מען לערנען חומש,
בײַ יהואשן — אין גאַנצן דעם תּנ״ך
און נישט ווי בײַ די איבעריקע אומות,
ווו יעדער אומה רעדט נאָך אַלץ איין שפּראַך

און ווייסן נישט דעם טעם פֿון צו פֿאַרטײַטשן
אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטל רות
מיט אַלע סודות און מיט אַלע קנייטשן,
וואָס זענען אונדז אַליין דאָך נאָר באַוווּסט.

אין טרויערטעג מיר וועלן זיך פֿאַרזאַמלען
און יעדערער וועט שטיין מיט זיך אַליין,
מיט האַפּשטיינס "פֿעלדער רוסישע", מיט זײַן "מיר שטאַמען",
מיט מאַרקישעס "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין".

יע וועט אַ מאָל זיך נאָך באַווײַזן
אויף שׂימחות אויך, מיט מזל און מיט פֿרייד,
מיט רעדן מאַמע־לשון גאָר אַן גרײַזן,
מיט לייענען יונגע שרײַבערס אין "די גאָלדענע קייט".

ירושלים, 27סטער אויגוסט, 1990

איך שטיי נישט קעגן באַרג

איך שטיי נישט קעגן באַרג דעם באַרג צו מאָלן —
דו האָסט אים שוין געמאָלן.
איך שטיי נישט קעגן טײַך, וואָס שנײַדט אַדורך די טאָלן —
דו האָסט אים שוין געמאָלן.

איך קוק אויף מײַנע, דײַנע, זײַנע, אירע, זייערע בילדער
און מיש צונויף זיי אין אַ פֿאַרביקן געפּילדער.

צי איז פֿאַראַן ערגעץ אַזאַ מין וועלט ווי מײַנע?
יאָ פֿאַראַנען, נישט פֿאַראַנען, האָסט פֿאַרשפּעטיקט מיט דײַן טענה.

האָסט פֿאַרשפּעטיקט מיטן פֿרעגן, ווערט קיין ענטפֿער נישט געגעבן.
נישט קיין ענטפֿער, יאָ אַן ענטפֿער, פֿריי זיך מיטן לעבן.

פֿריי זיך יאָ און פֿריי זיך נישט, האָסט דאָך סײַ ווי נישט קיין ברירה,
ווייס: דעם עץ־הדעת קענסטו נישט אומקערן זײַן פּרי.

ווייס: אויף אייביק־אייביק איז דײַן אייביקייט פֿאַרלוירן,
האָסט פֿאַרשפּילט זי בײַם דערקענען אַלע סודות פֿונעם בורא.

איך שטיי נישט קעגן באַרג דעם באַרג צו מאָלן —
דו האָסט אים שוין געמאָלן.
איך שטיי נישט קעגן טײַך, וואָס שנײַדט אַדורך די טאָלן —
דו האָסט אים שוין געמאָלן.

איך קוק אויף מײַנע, דײַנע, זײַנע, אירע, זייערע בילדער
און מיש צונויף זיי אין אַ פֿאַרביקן געפּילדער.

חיים גראַדע

דער קאַלעכאויוון פֿון זײַן געמיט
פֿאַרשלינגט דאָס אײַזן פֿון זײַן ליד,
פֿונעם אײַזערנעם לידערשמיד.

דאָס גאַנצע וואַסער פֿון צפֿון־ים
איז ווייניק אויף אָפּצולעשן דעם פֿלאַם
פֿון שורה צו שורה, פֿון גראַם צו גראַם.

ער ברענט ווי אַ שײַטער אין אַ וואַלד,
שוין יאָרן, יאָרצענדליקער שרײַט ער: געוואַלד!
ראַטעוועט! איך פֿאַרלעש זיך באַלד.

און פֿײַערלעשערס מיט געבונדענע הענט
פֿאַרגינען אים נישט, למאי ער ברענט
און סע ברענען מיט אים די הימלווענט.

הירש אָשעראָוויטש

אויף אַ וואָג פֿון מיליגראַמען
וועג איך פּינקטלעך ריטעם און גראַמען,
וועג איך, מעסט איך די געדאַנקען,
וואָס איך האָב זיי צו פֿאַרדאַנקען

מײַנע לידער און פּאָעמעס.
נישט קיין רמז, נאָר דעם אמת
פֿול און נישט געפּעלשט, נישט אַנדערש.
איך באַמי זיך צו פֿאַרוואַנדלען
אויך די בילדער אין באַגריפֿן,
כ'האָב נישט ליב מיט וואָרט צו שטיפֿן
און זיך שפּילן מיט געפֿילן
ווי קאָלעגעס מײַנע שפּילן.

צו אײנעם אַ דיכטער
(נאָכן איבערלייענען זײַן לידערבוך)

מער על־חטאָן וויפֿל זינד,
אומבאַשיידענע על־חטאָן,
פֿריער דערוואַקסן, נאָך דעם קינד,
וואָס עס וויל, מע זאָל עס גלעטן.

ווען דו זיצסט מיט זיך אַליין,
דאַרפֿסטו זיך נישט שיצן
און ס'איז ערלעך דײַן געוויין,
שווער אָבער מיט זיך צו זיצן.

וואָלסטו זײַן אַ דאָן־קישאָט
קעגן נישט־געדאַכטע שונאים,
וואָלסטו פֿרײַ געלאָזט דײַן טראָט
אויך בײַ אָפֿענע תּהומען.

ביסטו אָבער קלוג גענוג,
פֿילאָזאָפֿיש ניכטער
און דער פֿערז דײַנער איז קלוג
ווי סע פּאַסט אַ קלוגן דיכטער.

מאַנט דער גורל נישט פֿון דיר
זײַן אין מאַרק דער ערשטער שלעגער
און דער חלום אין דײַן שיר
וואַרעמט זיך אויף דײַן געלעגער.

ירושלים, 1973

דײַנע געגראַמטע געדאַנקען

דײַנע געגראַמטע געדאַנקען
ווילן ווערן געזאַנג,
ווילן עס שטאַרק און דאַנקען
גאָט, סע גייט אַ גאַנג.

דײַנע גראַמען לאָזן
הערן דאָס שטאַרקסטע קול
און דו קענסט זיך בלאָזן
ווי אַ לופֿטבאַלאָן.

זאָלסט, חלילה, נישט פּלאַצן
פֿון אַזוי פֿיל לופֿט,
האַלט זיך ווײַט פֿון חרצן,
ווען דו הערסט ער רופֿט.

מאַך זיך אין גאַנצן נישט הערן,
ווען ער פֿליסטערט זײַן ליד,
מעגסט זיך אַפֿילו שווערן,
אַז דו הערסט עס ניט.

אויב זיך דורכשלאָגן
וועט זיך דאָך זײַן געזאַנג,
מעגסטו קומען און זאָגן:

„דאָס געשעט אַ דאַנק
מײַן געגראַמטן געדאַנק"

און סע גייט אַ גאַנג.

ירושלים, 16טער יוני, 1990

די שותּפֿים

די שותּפֿים גייען מיר נאָך פּוסטריט,
די אויגן בײַ זיי זענען הונגעריק־לײדיק,
זיי וואַרטן ביז איך ענדיק אַ ליד
און נאָך דעם קומט מען מאָנען אַ חלק.

די שותּפֿים, וואָס זענען געווען אָט ערשט
די שעפֿערס פֿון אויפֿגעבלאָזענע ווערטן
און אויף דער פֿרײַהייט פֿון שאַפֿן געהערשט,
זיי וויינען אַצינד אויפֿן רום דעם צעשטערטן.

און נישט קיין שׂרפֿה האָט פֿאַרלענדט
דאָס האָב־און־גוטס פֿון זייער פֿאַרמעגן
און נישט אַזוי גיך האָט די וועלט דערקענט
דעם שווינדל פֿון זייערע פֿאַרדרייטע וועגן.

און ווען זיי האָבן פּלוצעם דערזען
די פּלייצעס פֿון טרײַע ייִדישע לייענערס
און ערגעץ ווײַטער פֿון זיי אַ טריט צען
זיך זאַמלט נאָך אַ מנין אַ קליינער

אַרום אַ לעצט און ברענענדיק ליכט,
איז האָט מען געאײַלט מיט טרייפֿענעם חלבֿ
עס גרעבער צו מאַכן מיט נאָך אַ שיכט
און זאָל עס ווידער פֿלאַקערן פֿרייִלעך.

סכּנת־נפשות. דאָס טרייפענע שמאַלץ
פאַרלעשן קאָן אויך דעם רעגן־בויגן,
איז זײַט זשע מיר מוחל דאָס ביסעלע זאַלץ,
וואָס כ׳האָב נישט געשיט אין די זשעדנע אויגן.

ירושלים, 20סטער מײַ, 1979

הדסה רובין

רײַסט אַראָפּ די בלעטער פון מײַן ליד,
וועט איר זען עס ווי סע בליט.
רײַסט נישט, לאָזט די בלעטער איבער,
זאָלן ווײַטער בליִען מײַנע לידער.

וואָס איז נײַעס? וואָס איז ווידער?
רײַסט אַראָפּ די בלעטער פון מײַן ליד,
אויב איר גלייבט מיר ניט.

אין אַ שעה פון קלאָרן זין

דער דיכטערין רבקה באַסמאַן

אין אַ שעה פון קלאָרן זין,
ווען דער זין איז לויטער ווי בורשטין,
ווען אין קאָפּ איז ליכטיק ווי בײַ טאָג
און סע ווערט מקוים, וואָס מע זאָגט,
און מע זעט בפירוש, וואָס מע הערט,
און מע הערט בפירוש, ווי סע ווערט
דאָס, וואָס צוגעזאָגט איז און באַשערט.
וואָס געווען ס׳איז קרום, ווערט אויסגעגלײַכט,
וואָס געווען ס׳איז שווער, ווערט ווי אַ פעדער לײַכט
און סע פלאַטערט אין דער לופטן מיטן קלאַנג
און סע וועקט אונדז אויף ווי אַ געזאַנג

און די גאָרע וועלט ווערט גאָלע וואָר
און איז לויטער ווי בורשטין און קלאָר.

ירושלים, 20סטער מײַ, 1991

די מוטער רחל

איז געזעסן די מוטער רחל פֿאַרטראַכט,
ס׳האָט גאָט, ברוך הוא, צו איר נישט גערעדט,
דעם איינציקן זון פֿון איר מוטערטראַכט,
וואָס זי האָט געבוירן פֿון איר חבֿר,
האָט גאָט, ברוך הוא, פֿון איר נישט געמאָנט,
ווי ער האָט פֿון שׂרהן געמאָנט אַ קרבן.
ס׳האָט רחל אין יצחקן זיך דערמאָנט
און יעדער איר אבֿר איז אָפּגעשטאָרבן,
ווײַל אירער איז זיך מקריבֿ אַליין,
כאָטש גאָט, ברוך הוא, האָט עס נישט געבעטן,
איצט רינט איבער גאָר דער ערד איר געוויין
אויף אַלע וועגן ווו מיר טרעטן.
איז לאָמיר בעטן, אַז גאָט, ברוך הוא,
דערהערן זאָל אירע מוטערטרערן
און זאָל איר אומקערן די רו
אַז זי זאָל דאָס קול פֿון איר זון דערהערן
און זי וועט קומען צו דער שוועל
און ס׳וועט דער זון איר גיין אַקעגן
און זי וועט אים זאָגן: מײַן זון, איך וועל
מיט דיר שוין גיין אויף דײַנע וועגן.

עפּיגראַם:

צום גראַם

— צי איז נישט געשען וואָס ס׳איז געשען?
— געשען.
— צי איז נישט געווען ווי ס׳איז געווען?
— געווען.
— פֿאַר וואָס זשע שרײַבסטו אין ליד, אַז ניין?
— וואָס קענסטו אַליין נישט פֿאַרשטיין?
איך האָב דעם ניין נישט געשריבן סתּם,
כ׳האָב פּשוט צום ניין געהאַט אַ גראַם.

פּאַראָדיע:

ווײַל כ׳האָב ליב

״דער טאָפּאָל איז טאָפּלט מיר טײַער״,
דעם דאָרן מײַן דאָפּלטן דאַנק
פֿאַר פֿריילעכן פֿלאַמען אין פֿײַער
דעם גאַנצן געשיכטלעכן גאַנג.

״דער טאָפּאָל איז טאָפּלט מיר טײַער״,
דעם פֿײַגנבוים האָב איך פֿײַנט,
דער פֿײַגנבוים פֿלאַמט נישט אין פֿײַער,
ער איז מיר אַ פֿאַלשער פֿרײַנד.

״דער טאָפּאָל איז טאָפּלט מיר טײַער״,
דער לינדנבוים איז מיר ליב,
איך האָב שוין צעביסן מײַן בלײַער,
איך וויש מיר דעם שוים פֿון דער ליפּ
און אַלץ דערפֿאַר, ווײַל כ׳האָב ליב.

וואָס גרינגער

וואָס גרינגער ס׳איז דער גרויסער שטאַרקער וואָגן,
אַלץ מערער משׂא קען ער אויף זיך טראָגן.
וואָס ווייניקער וועסט לידער שרײַבן,
אַלץ מערער וועט פֿאַר עפּעס אַנדערס בלײַבן.

וואָס גרינגער ס׳איז דער גרויסער שטאַרקער וואָגן,
אַלץ מערער משׂא קען ער אויף זיך טראָגן.
וואָס ווייניקער וועסט וועגן ווערטער ברײַען,
אַלץ מערער וועט פֿאַר עפּעס אַנדערס סטייען.

וואָס גרינגער ס׳איז דער גרויסער שטאַרקער וואָגן,
אַלץ מערער משׂא קען ער אויף זיך טראָגן.
וואָס ווייניקער וועסט אותיות דערמאַנען,
אַלץ מערער וועסטו ברענגען צו די באַנען.

וואָס גרינגער ס׳איז דער גרויסער פֿולער וואָגן,
אַלץ ווייניקער געבליבן וואָס צו זאָגן,
דער וואָגן איז שוין גרינגער פֿון אַ פֿעדער,
איז אפֿשר ווילט איר אויסשפּאַנען די רעדער?

דער שמאָלער שוסטער

דער שמאָלער שוסטער נייט נאָר שמאָלע שיך
פֿאַר מענער נאָר און נאָר אַן איין און פֿערציק,
אַזעלכע שיך נאָר נייט ער אויך פֿאַר זיך,
זיי קוועטשן אים, אויב זײַן שוין אָפּנהערציק.

און אויב אַ פֿוס — דאָס טרעפֿט אויף יעדן שפּאַן —
איז קלענער, גרעסער, ברייטער אָדער שמאָלער,
איז לייקנט ער — אַ ליגן, נישט פֿאַראַן
קיין אַנדער מאָס גאָר אויף דער וועלט דער גאָרער.

דער שוסטער איז אַ משל צו אַ דיכטער, וועלכער איז
געקומען ווי אַ שוסטער מיר צו חלום.
דערפֿאַר האָב איך אַרײַנגעשטעלט די מאָס פֿון שיר און פּיס
און זאָגט נישט, אַז איך שרײַב נישט קיין משלים.

ירושלים, אַפּריל, 1979

פּאָרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַן עקשן
(יוסף קערלער)

שטעלט אַן אויף אים אײַערע אויגן און צילט
און נעמט בײַ אים צו וואָס נאָר איר ווילט,
זײַן פֿרײַנדס אַ מתּנה, זײַן מיידלס בילד.

דאָס קישן פֿון קאָפּ, זײַן אָנגעטאָן,
נאָר ס'ייִדישע וואָרט זײַנס רירט עס נישט אָן,
ס'איז בלוטיקער, רויטער ווי אַ פֿאָן.

זײַן ליד, זײַן ניגון דורך די ציין
איז קוואַליקער פֿון אַ קינדס געוויין
און אײַנגעעקשנטער פֿון אַ שטיין.

דו נעם צונויף
יוסף קערלערן

דו נעם צונויף דאָס ביסל האָב־און־גוטס,
וואָס האָסט פֿאַר דרײַסיק דורות אויסגענאַרט.
אַ שוועבעלע אין וועג קומט אויך צו נוץ.
און, אויב מע דאַרף, איז צינד עס אָן און וואַרט
ביז וואַנען ס'ווערט פֿאַרברענט דײַן האָב־און־גוטס,
אַ שוועבעלע אין וועג קומט אויך צו נוץ.

און זאָלן זיי נישט זאָגן, אַז פֿון זיי
דו האָסט דײַן מאַנטל און דײַן הוט געבראַכט,
און זאָלן זיי נישט זאָגן, אַז די טיי
דו האָסט מיט זייער צוקער זיס געמאַכט,
און זאָלן זיי נישט זאָגן — אָך און וויי —
אַוועק און אונדז געלאָזט דעם הוילן שניי.

דו נעם צונויף דאָס ביסל גרויע אַש
און וועג עס אָפּ — די וואָג פֿון דײַן פֿאַרמעג
און שיט אַרײַן עס אין אַ גראָבער פֿלאַש,
סע זאָל זיך נישט צעשיטן אויפֿן וועג,
פֿאַרפּראָפּקעווע, פֿאַרשטעמפּל גוט די פֿלאַש
און שיט זיי צו צום שניי אַ ביסל אַש.

איבערגעלאָזט

דו ציילסט מיך, זאָגסטו, צו צו דײַנע צענדליקער פֿאַרערער,
איך האָב זיי, ברודער, נישט געציילט, נאָר איך בין מערער, מערער.

איך בין אַן אינו־נראה דיר, בין דײַן געטרײַער וועכטער
און גייסטו רעכטס בין איך דאָך תּיכּף אויף דײַן זײַט דער רעכטער,

און גייסט פֿאַרקערט, און גייסטו לינקס, בין איך שוין דאָרטן פֿריִער,
בשעת דו גייסט, וווּהין דו גייסט, בין איך אַהין אַ פֿליִער.

בשעת דו פֿאָרסט, איך הענג זיך נאָך פֿון דרויסן אויפֿן וואָגן
און שיק דיר איבער טעלעפּאַטיש, וואָס דו האָסט צו זאָגן.

איך היט דיר אויס פֿון יעדער נעץ, וואָס קען פֿון וועג פֿאַרפֿירן
און נעם אַוועק דיר יעדער שטיין, וואָס קענסט אַליין נישט רירן.

געהיט פֿאַר דיר אַ פּלאַץ אַ הויכס אין פּאַרק פֿון די געשטאַלטן —
אין מאַרק האָסטו זיך אויסגעלערנט ווי דעם קאָפּ צו האַלטן.

און שטייסטו קעגן שפּיגל אָפּט, דו האָסט דאָרט אַ פּאַרערער,
דעם סאַמע גרעסטן וואָס דו האָסט, ער איז באמת מערער.

און שלאָגסטו קאָפּ אין שפּיגל דיר און שטעלסט זיך ווי אַ גיבור,
דו שלאָגסט זיך דאָרט מיט זיך אַליין, איך לאָז אײַך ביידע איבער.

ירושלים, 1987

פּאָרטרעט פֿון אַ דיכטער פֿון קורצע לידער
(מאָטל גרוביאַן)

און ווער ס'איז באַרופֿן צו זײַן אַ פּאַרפֿאַסער
פֿון גראָבע ראָמאַנען פֿולע מיט וואַסער,
און ווער ס'איז באַרופֿן אַ דיכטער צו זײַן
פֿון קעלישיקלעך לידער פֿולע מיט ווײַן,
נאָר ער טרינקט אַליין דעם ווײַן זײַנעם אויס
און לאָזט פֿאַרן לייענער אַ טראָפּעלע בלויז,
דער טראָפּן איז שטאַרק ווי ספּירט פֿאַרן גומען,
נאָר ווייניק און קאָן צום האַלדז נישט דערקומען.

אַזאַ מין שטראָף
צו מאָטל גרוביאַן

אַזאַ מין שטראָף
צו זיצן און לייענען אָן אַ סוף
די אייגענע לידער.
ווי נאָר כ'האָב זיי איבערגעלייענט,
איך לייען זיי שוין ווידער.
איך בין שוין פֿאַרנודיעט,
אַזאַ מין אומעט.

צי מוז איך זיי לייענען גאָר אָן אַן עק?
איך לייג זיי אַוועק
און נעם זיך צו פֿרעמדע
לידערבענדער.
אַ פֿרישקייט אָטעמט פֿון יעדער זײַטל,
ווי וואָלט איך וועלן מיט זיי זיך בײַטן!

"אָ, ביטע שיין!"
דערהער איך אַ קול,
איך זיץ דאָך אַליין,
איז פֿון וואַנען דאָס קול?
דאָס קול קלינגט ווידער:
"איך בין שוין פֿאַרנודיעט
פֿון אייגענע לידער,
אַזאַ מין אומעט!
איך בין שוין מיד
פֿון אייגענעם ליד".

דאָס קול קלינגט פֿון ווײַט:
"כ'בין מסכּים צום בײַט"
און איך דערשרעק זיך, ווער ווײַס ווי די וואַנט,
איך האָב דאָך ביז הײַנט נישט קיין לידערבאַנד.

ווטער יולי, 1969

שלמה רויטמאַן

דאָס פּײַפּעלע, נישט נאָר סע שפּילט,
פֿאַרגעסט נישט, אַ פּײַפּעלע שמעקט.
נאָך קינדווײַז, איך האָב שוין דערפֿילט,
וואָס אין פֿידעלע שטעקט.

אין פֿידעלע שטעקן מיר אַלע,
די כּלי־זמר, דער חתן, די כּלה.
אין פֿידעלע שטעקט

דער פֿידלער אַליין,
דאָס פֿידעלע שמעקט
מיט געוויין.

דאָס פֿידעלע שמעקט מיט האָניק, מיט בלומען,
אָט באַלד וועט דער האָניק־טרעגער קומען
צום שורש, צום פֿידל צו גיין.
דאָס פֿידעלע שמעקט מיט בלומען,
דאָס פֿידעלע שמעקט מיט געוויין.
אין פֿידעלע שטעקן שטומע,
וואָס קענען נישט רעדן אַליין,
זיי קענען נישט זינגען קיין לידל,
איז שפּילן זיי אויס אויפֿן פֿידל
געזאַנג און געוויין.

אַ פֿײַפֿעלע נישט נאָר סע שפּילט.
פֿאַרגעסט נישט, אַ פֿײַפֿעלע שמעקט.
נאָך קינדווײַז איך האָב שוין דערפֿילט,
וואָס אין פֿידעלע שטעקט.

צום דיכטער שלמה רויטמאַן

נאָכן איבערלייענען זײַן פּרעכטיקע באַלאַדע "דער פּאַנצער"

געלייענט דײַן באַלאַדע, זי האָט מיך דערקוויקט,
שוין דרײַ מאָל געלייענט, כ'מיש ווידער צוריק.

זי האָט מיך דערקוויקט און זי האָט מיך אַנטציקט,
מיט נחת מיט גרויסן זי האָט מיך באַגליקט.

דו זעסט דאָך, איך בין פֿון דײַן כּישוף צעוויגט,
דו זעסט דאָך, איך בין פֿון דײַן פּאַנצער באַזיגט.

איך פֿיל, ווי אויך מיך האָט דײַן פּאַנצער געשיקט,
מיט שליחות מיט גרויסער ער האָט מיך באַגליקט.

נאָר איינס האָב איך מורא און צי זיך צוריק —
וואָס טוט מען, כ׳דערזע אַ בעלעמער ציג

און כ׳רײַט קיין בעלעם אַרײַן נאָך מײַן זיג
און הייב דאָרטן אָן אַ נײַעם קריג

אין נאָמען פֿון הייליקן קינד אין דער וויג,
פֿון הייליקן גײַסט און פֿון פֿאָטער געשיקט

צו מאַכן אַ קרייצצוג דורך געסל און ליק
פֿון ערשטן הויז ביז דער סאַמע בריק,

אַ הייליקן מאַרש און אַ הייליקן קריג —
וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? איך צי זיך צוריק.

ווײַל וואָס וועל איך טאָן מיטן דיכטער, דעם ייִד?
און וואָס וועט זײַן מיט זײַן פֿאַנצערליד?

שיקע דריז

עטי מעני
מעני מלכס,
כ׳וועל אײַך אויסוויינען
אַ פֿריילעכס.

כ׳האָב אַ כּוסע שוין גענומען
און פֿון אומעט נישט אַנטרונען,
עפּעס ציט מיך צו דעם אומעט,
וואָס אין מיר און וואָס אַרומעט,
סײַ איך שפּיל אײַך אויפֿן פֿידל,
סײַ איך זינג אַ קינדערלידל,
עפּעס וויינט אין מיר טיף־טיף,
עפּעס טרערט אין מיר טריף־טריף.
כ׳קען נישט אָפּטרײַבן די טראָפּנס,
גרויס מײַן קאָפּ און מײַן צוקאָפּנס,

כ׳ליג אין בעט צי אויף אַ טישל,
גרוי די האָר און האַרט דאָס קישן,
נישט קיין פֿעדערן נאָר שפּיזן,
זײַט נישט בייז אויף שיקע דריזן.

צום 50סטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע

שיקע דריזן

מײַן פֿרײַנד, דער דיכטער שיקע דריז,
זײַן ליד איז קלינגעוודיק און גלאַנציק,
סאָוועטיש איז ער פֿופֿציק יאָר
און איך — בלויז אַכט און צוואַנציק.

כ׳האָב גאַנצע צוויי און צוואַנציק יאָר
געקוקט אַהין, געקוקט פֿון דאָרטן.
מײַן גײַסט איז אומגעגאַן אַן מיר,
אַרומשפּאַצירט בײַ אים אין גאָרטן.

נישט אומעטום האָט דאָרט געבליט,
נישט שטענדיק האָט די מי געראָטן,
גאָר פֿון דער ווײַטן אין זײַן ליד
איז נישט געווען קיין פּיצל שאָטן.

געוועזן צײַטן אַלערליי,
דערגאַנגען עבאָס צו מײַן אויער,
נאָר אין זײַן ליד, וואָס כ׳האָב געלייענט,
איז נישט געווען קײַן טראָפּן טרויער.

זײַן ליד איז שלאַנק און אָפּגעטאָקט,
זײַן ליד איז קלינגעוודיק און גלאַנציק.
סאָוועטיש איז ער פֿופֿציק יאָר
און איך — בלויז אַכט און צוואַנציק.

טשערנאָוויץ, 1967

צו משה טייף

אַ טרויער־רעמל שוואַרץ
דײַן נאָמען נעמט אַרום,
ווי האָט מען עס אַ האַרץ
אויף אייביק ווערן שטום.

ס'האָט אויסגעזען דײַן וועג
צו זײַן נאָך אַזוי לאַנג,
ווי שטאַרבט מען עס אַוועק
אין מיטן פֿון געזאַנג,

פֿון שיר־השירים־ליד,
וואָס דו האָסט זיך צו דעם
גענומען ווי אַ ייִד,
וואָס וויל אַרויס פֿון קלעם.

ווי נעמט אַ קלוגער ייִד
אין משלי־עלטער גראָד
און שטאַרבט אין מיטן ליד
און שרעקט זיך נישט פֿאַר גאָט.

אַ משל האָט געוויס
בײַ דיר זיך שטיל געוועבט,
אויך אַן קהלת איז
דאָס לעבן נישט געלעבט.

אַ גולם האָסט געקרוינט
פֿאַר היטער אויף דײַן וועג,
צי האָט זיך עס געלוינט
פֿאַר זיבן פֿעטע טעג.

נאָך זיבן תּפֿיסה־יאָר
וואָס דו האָסט אָפּגעוויסט,
ווי דו האָסט אָפּגעשפּאַרט
צוויי קנײַענדיקע פּיס,

ס׳האָט אויסגעזען דײַן וועג
צו זײַן נאָך אַזוי לאַנג,
ווי שטאַרבט מען עס אַוועק
אין מיטן פֿון געזאַנג.

שירע גאָרשמאַן

שירע גאָרשמאַן שטייט אויף די ערשטע,
דערנאָך דער מאַן, דער זון, די טעכטער.
זי שרײַט אָן אויף זיי, זי שרײַט אויף יעדן,
איידער זי נעמט זיך זאַפּטיק צו רעדן.

איידער זי נעמט זיך געדיכט צו שרײַבן,
די בייזע גײַסטער פֿון הויז צו פֿאַרטרײַבן,
גרייט זי דעם שרײַבטיש, זי גרייט אים פֿאַר יעדן.
צי שירע גאָרשמאַן האָט ליב אירע העלדן ?
צי וואַרט זי נישט זיי זאָלן זיך מעלדן ?

ווײַל אויב זיי קומען נישט, גייט זי זיי ברענגען,
נאָר פֿריִער גייט זי די וועש אויפֿהענגען,
דאָס ברויט אָפּצובאַקן, די פֿיש אָפּצופּרעגלען
און ס׳בלײַבט נאָך צײַט מיט זיי צו פֿאַרברענגען.

נאָר שירע האָט פֿײַנט לײדיקע ווערטער
און צווישן די ווערטער די לײדיקע ערטער,
שירע האָט ליב געדיכט צו שרײַבן,
קיין פּוסט אָרט זאָל, חלילה, נישט בלײַבן.

אַ ליד, וואָס חיים מאַלטינסקי האָט נישט באַוויזן אָנצושרײַבן:

איך האָב נישט גענאָסן פֿון לעבן,
ווי ס׳טרעפֿט זיך און איינער געניסט.
מיך האָט מען נאָך פֿאַרן רבין
געשטראָפֿט מיטן קאַנטשיק אומזיסט.

מיר האָט מען נאָך פֿאַרן נישט קענען
אויף אויסנווייניק אַ שיר,
געוויזן דאָס ברענען אין גיהנום
און וואָס מע וועט טאָן מיט מיר.

און ווען כ׳האָב איין מאָל פּלוצעם
דערהערט ווי פֿון ווייטיק איך זינג,
האָב איך געבעטן די מוזע
(די מוזע אין דער זײַדערנער בלוזע),
מע זאָל מיך געדענקען גרינג.

איך האָב נישט פֿון לעבן גענאָסן,
איך ווייס נישט דעם טעם פֿון גליק.
אַ שעה נאָכן ווערן אַ חתן
מע האָט מיך גענומען אין קריג.

אַ וואָך נאָכן ווערן אַ טאַטע,
אַן איינציקע שעה נאָכן ברית
און ווידער אַ קאַנאָנאַדע —
מע שיסט און מע שיסט און מע שיסט.

די וועגן — שטויביק און שטייניק,
איך פֿיל נישט אין גיין קיין גענוס,
איך פֿיל נאָך ביז הײַנט דעם ווייטיק
פֿון רעכטן פֿאַרלוירענעם פֿוס.

דערנאָך אַ גרעסערן ווייטיק
פֿון ביידע פֿאַרלוירענע פֿיס,

און ס׳איז נאָך אַלץ נישט דערלײדיקט —
מע שיסט און מע שיסט און מע שיסט.

און אויב אויך דאָס איז אײַך װײניק,
פֿאַר העלדישקײט מ׳האָט מיך באַלוינט,
אין תּפֿיסה אינעװײניק
דערפֿילט כ׳האָב פֿון רום די קרוין.

איך האָב נישט גענאָסן פֿון לעבן,
װי ס׳טרעפֿט אַ מאָל אײנער געניסט,
נאָך פֿאַרן מלמד, דעם רבין
מע האָט מיך געשמיסן אומזיסט.

ירושלים, 17טער אַפּריל, 1991

אַריה שמרי

ויהי און עס איז געװען אין יענע טעג,
װען מע האָט אַלצדינג געמעגט,
האָב איך אַלײן זיך אַלצדינג פֿאַרבאָטן,
ביז אַװעק
און מיטגענומען מײַן שאָטן.

און זע:
מ׳האָט אָדמען פֿון גן־עדן נישט פֿאַרטריבן,
ער האָט אויסגעהאַקט די בײמער
און אין אַ מידבר פֿאַרבליבן.

האָב איך דעם אַקערשטײן דערפֿונדן,
צו דער ערד זיך צוגעבונדן
מיט אַ פֿעסטן־פֿעסטן פֿאָדעם.

געאַקערט, געזײט, געפֿלאַנצט,
חלוצישע האָראַס געטאַנצט
אין צעבליטן גן־אָדם.

האָט גאָט מײַן גאָרטן געבענטשט,
גן־אָדם — גאָרטן פֿון מענטש
און געפֿלאַנצט אַ גן־עדן אויבן.

און אַז די שעה איז געקומען
האָט ער מיך אַרויפֿגענומען,
איך זאָל אים אויף ייִדיש לויבן.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו

מײַן ליד איז מיר אַ קישעלע צוקאָפּנס,
מײַן ליד איז מיר די דעק, וואָס דעקט מיך צו,
פֿון קאַרגן גראָשן־ליכטל פֿאַלן טראָפּנס
אויף מײַנע הענט און פֿיס מיט שײַן און רו.

אין מידבר בלאָזט אַ ווינט אַ דרום־הייסער
און קלאַפּט אין העמדל־ײַוונט פֿון מײַן געצעלט,
נאָר אינעווייניק זיץ איך ווי אַ קייסער
און זינג מײַן ליד צו אַלע עקן וועלט.

זאָל זײַן מײַן ראָק איז אַלט און אויסגעריבן,
אַן אַרבל און אַן קנעפּלעך און צעקריכט.
מײַן ליד איז גאַנץ מיט גאַנצע אותיות געשריבן,
מײַן ליד, מײַן העמד, מײַן ליכט, וואָס וואַרעמט מיך.

ויהי אגד, ויהי דן

פֿאַר יצחק לודען צו זײַן באַקומען די באַלער-פּרעמיע

"ויהי אגד, ויהי דן" איז דער נאָמען פֿון גערעאַטענעם פֿעליעטאָן, וואָס דער טאַלאַנטירטער פּובליציסט יצחק לודען האָט אָנגעשריבן אין זײַן רובריק "וואָכעדיקס אויף שבת" אין "לעצטע נײַעס", בשעת די צוויי ישׂראלדיקע אויטאָבוסן-קאָאָפּעראַטיוון האָבן אונטערגעהאַנדלט וועגן פֿאַר-אייניקן זיך. דעם נאָמען האָב איך גענומען פֿאַרן ליד דאָ, וואָס איך ווידמע עס מײַן פֿרײַנד יצחק לודען.

ויהי אגד, ויהי דן
און פֿון דאַנען איז איין שפּאַן
צו אַיעדן מין ויהי,
צו אַיעדער שפּעט און פֿרי
און צו יעדער בורא פּרי,
פּרי העץ און פּרי העט,
צו אַיעדער פֿרי און שפּעט,
הין אַ שפּאַן, צוריק אַ שפּאַן —
ויהי אגד, ויהי דן.

ויהי דן און ויהי אגד,
ס'איז די לינקע זײַט פֿון בגד,
ס'איז דער פּעלץ איבערגעקערט —
אונטן הימל, אויבן ערד,
שנײַד די תּבֿואה מיט אַ שווערד,
אונטן שטערן, אויבן גראָז,
גראָב דעם הימל מיט דער נאָז,
וואַרף אַראָפּ דעם לינקן בגד,
פֿיל דיר אָן דעם טאַנק מיט דלק,
ויהי דן און ויהי אגד.

ויהי אגד, ויהי דן,
לינקס און רעכטס — אַ האַלבער שפּאַן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

צי קוק איך אַרויס פֿון הויז אין דרויסן,
צי קוק איך אַרײַן פֿון דרויסן אין הויז,
די זעלבע שויב וואָס איז גאָרנישט אויסן,
צי קוק איך אַרײַן, צי קוק איך אַרויס.

אויף דער זײַט וווּנדער, אויף יענער זײַט וווּנדער,
דאָס וווּנדער איז שטענדיק אין דער מיט
אַזוי ווי די שויב, ווי שויבן הונדערט,
וואָס קוקן אַרײַן און אַרויס פֿון מײַן ליד.

נאָר פּרוּוו ריר אָן איין זײַט, וועט צעשיטן
זיך באַלד דער בנין, וואָס איך בוי
און אָן די זײַטן נישטאָ אויך קיין מיטן,
טאָ זאָל עס שוין בלײַבן, איך בעט דיך, אַזוי.

לייזער אייכענראַנד

איך קאָן נישט דײַן קאָפּ,
נישט די אויגן פֿון קאָפּ,
נישט דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג,
וואָס זשע טויג
אַזאַ מיר פּאָרטרעט
פֿון אַ פּאָעט? —

נישט די טרער פֿונעם אויג,
נישט די זאַלץ פֿון דער טרער,
נישט דער טרויער פֿון זאַלץ
בײַם טויער
פֿון אַלץ.

צווישן שאָטן פֿון טאָג
און שײַן פֿון דער נאַכט
איך שטיי אויף דער שוועל
פֿון פֿאַרטראַכט
און איך טראַכט
וועגן צײַט פֿונעם וועג,
וועגן פֿאַרב פֿון דער צײַט,
וועגן טעם פֿון דער פֿאַרב,
וועגן גורל פֿון שטערן,
ווען דער הימל שטאַרבט,
וועגן גורל פֿון בערן
מיט ווײַסע בערד
אויפֿן ראַנד פֿון דער ערד.

ווידמונג

פֿאַר רבקה קאָפּע

פֿון דײַנע שורות פּרוּוו איך אויסשנײַדן דײַן פּנים
און פּרוּוו פֿון זייער ניגון אויפֿהייבן דײַן קול.
איך ווייס אַז אַלע דיכטערס האָבן דיכטער־שׂונאים
און זעלטן־ווען אַ פֿרײַנד (דאָס טרעפֿט זיך אויך אַ מאָל).

איך שרײַב די ווידמונג דיר פֿון מאָדנע ווערטער,
פֿון רעכטס אויף לינקס שטעל איך זיי צונויף,
מיר ווינען אין צוויי ווײַטע איינס פֿון צווייטן ערטער
און זענען שכנים פֿונעם זעלבן הויף.

מיר קומען איינס צום צווייטן אויף באַזוכן,
ירושלים רוט. סע ווילדעוועט פּאַריז.
מיר לאָזן נישט געררירט דעם כּבוד־קוכן,
די פֿרײַנדשאַפֿט נישט צו שטערן מיט קיין זיס.

מיר לאָזן נישט גערירט דעם גאַנצן כּיבוד —
די עפּל און די טייטלען, די פֿײַגן און די ניס
און לאָזן נישט קיין רגע גיין לאיבוד.
ירושלים רוט. סע ווילדעוועט פּאַריז.

ירושלים, נאָוועמבער, 1979

בין אַרויס אין אַ קאַמף

פֿאַר משה שקליאַר

בין אַרויס אין אַ קאַמף
קעגן אַלטן ליד,
קעגן אַלטן שטאַמפּ
לויטן אַלטן שניט,
קעגן אַלטן גראַם,
וואָס מע גלייבט אים שוין ניט,
דעם "יאַ טעבע דאַם"
פֿונעם אַלטן ליד.

כ'האָב גערופֿן, געשאָלט,
נישט צו ווערן מיד
און צו בויען בגוואַלד
דאָס נײַע ליד.
כ'האָב דערלעבט דעם צוויט
און דעם בלעטערפֿאַל,
ווען דאָס נײַע ליד
איז געוואָרן אַלט.

בין אַרויס אין אַ קאַמף
קעגן נײַעם ליד,
קעגן נײַעם שטאַמפּ,
קעגן נײַעם שניט,
פֿאַרן נעכטיקן ליד,
וואָס עלטערט זיך ניט.

ירושלים, 1988

דוד ספּאַרד

פֿאַראַן דרײַ מינים דיכטערס אויף דער וועלט.
ליריקערס, וואָס שרײַבן ליריק,
עפּיקערס, וואָס שרײַבן עפּיק
און אַנדערע וואָס שרײַבן אַנדערש.
זיי אַלע טיילן אײַן זיך ווידער
אין קלאַסישע,
ראָמאַנטישע,
מאָדערנע.
די ערשטע שרײַבן אַלטע לידער,
די צווייטע שרײַבן נײַע לידער,
די דריטע שרײַבן לעצטע לידער,
מיר הייבן אָן פֿון אָנהייב ווידער:
פֿאַראַן דרײַ מינים דיכטערס אויף דער וועלט,
פֿאַראַנען דיכטערס, וועלכע שרײַבן גוטע לידער,
פֿאַראַנען דיכטערס, וועלכע שרײַבן שיינע לידער
פֿאַראַנען דיכטערס, וועלכע שרײַבן פֿרישע לידער,
פֿאַראַנען דיכטערס אַלערליי
און איך בין איינער דאָך פֿון זיי
אַ דיכטער, אַ פּאָעט
און דאָס איז מײַן פּאָרטרעט.

מ. מ. שאַפּיר

איר לאַכט פֿון "קאַשע מיט מאָן"
און איך האָב עס אויסגעמישט
ווען איר זענט אויבן אָן
געזעסן בײַ מײַן טיש.

און איר האָט נישט געוווּסט
מיט וואָס איר האָט זיך געקוויקט
און איר האָט אַ וואָרט געזוכט
צו געבן אַ נאָמען דעם גליק.

און איך האָב (דער שאָצער יאָלד)
געזאָגט: ס'איז קאַשע מיט מאָן.
איך ווייס, איר וואָלט טײַערער געצאָלט,
ווען כ'רוף עס אַנדערש אָן.

נאָר כ'זוך נישט אײַער געצאָלטס,
איך וועל אָן דעם זיך באַגיין
און האָק מיט אײַך ווידער האָלץ,
ביז וואַנען איר וועט עס פֿאַרשטיין,
ביז וואַנען איר וועט דעם מיין
פֿון קאַשע מיט מאָן פֿאַרשטיין.

ישׂראל עמיאָט

אויפֿגעוועקט פֿון שאָפּענס נאָקטורן
ערשט איך זיץ שוין אין ישיבֿה ווידער.
וואָס וועט זײַן מיט יענער סקריפּעניש פֿון פורן,
וועלכע רעדלען זיך אַרום אין מײַנע לידער?

זאָל מיר מוחל זײַן דער ליבער חבֿר סמאָליאַר,
די חבֿרים ספּאַרד און מאַרק און העלער,
כ'מאַך אַ סוף ערשט צו מײַן צווייטן עבֿר,
כ'וואַרף אַרויס אים און צעברעך דעם טעלער.

כ'האַלט שוין ווידער אונטער דער גמרא
לייוויקס לידער, מענדעלע און פּרץ
און אין אָט די וועלטן בין איך מיר אַ שׂררה,
און אין אָט די וועלטן שפּאַן איך מיט דרך־ארץ.

און פֿון אָט די וועלטן שווים איך מיר אַריבער
צו דעם עולם־הבא פֿון די קינדער־יאָרן,
ווער איך גלײַך אַ תּושבֿ, דאָוון איך בציבור
מיט די גרויסע די פֿאַרשריבענע אויף אייביק
און מיטן קליין בעריאָזקעלע פֿון איינהאָרן
און מיט די טריט אין שניי פֿון גרויסן לייוויק.

איין פּאָרטרעט פֿאַר צוויי פּאָעטן
(י. אַשנדאָרף און נ. באָמזע)

איין ערד און צוויי הימלען,
איין צימער און צוויי טרוימער,
וואָס זיצן פֿאַרשיכּורט און דרימלען
ווי נעבן אַקאַציע־ביימער.

איין שרײַבטיש און צוויי פּענעס,
איין טינטער און צוויי פּאָעטן,
וואָס דאַרפֿן דערגרייכן די זעלבע ברעגעס
אין טאָג אין אָפּגערעדטן.

אַז איינער לאָזט אין דער ברייט זיך שווימען,
לאָזט זיך דער צווייטער אַראָפּ אין די טיפֿן
און ביידע טרעפֿן זיך בײַ דעם סימן
מיט זייערע פּאַפּירענע שיפֿן.

רייזל זשיכלינסקי

זי האָט אַלע אירע לידער אומגעקערט
צו די אורטעקסטן צוריק.
אַלע אויסגעמעקטע ווערטער אויפֿגעלעבט,
אַלע צוגעשטעלטע ווערטער אויסגעמעקט.
ווען דער בוים אין איר ליד
וואָלט געוואָרן אַ בוים און געבליט,
וואָלט זי פֿאַר אים געקניט.
צי ווערט ער ניט?
זעט און הערט:
ער ווערט.

אַ וואַזע

פֿאַר איצעלע גאָטעסמאַן

אַ וואַזע אַ דינע
פֿון דינענקן גלאָז
באַשאָסן פֿון קינאה
אַ שאָס נאָך אַ שאָס.

די קינאה די אַלטע
אויף אַלץ, וואָס איז יונג,
די קינאה די קאַלטע
אויף יעטווידן פֿונק.

צי האָט איר געהערט שוין
צי האָט איר געזען,
עס זאָל אונדז באַשערט זײַן,
וואָס נאָך נישט געשען?

אַ ציטריקע וואַזע
נישט ציטערן זאָל,
נישט ווערן קיין בלאַסע
פֿון שרעק מיט אַ מאָל.

אַ וואַזע אַזאַ מין
זאָל שטיין אויפֿן טיש
בײַם ראַנד בײַ דעם סאַמע
אַראָפּפֿאַל און נישט

קיין ריר זיך, נישט פֿאַלן,
קיין ציטער נישט טאָן,
אַפֿילו, ווען שטראַלן
טאַנצן אין קאָן.

און ווילן פֿאַרפֿירן
די תּמימות און דאָן
מיט קרעלן באַצירן
דעם האַלדז פֿון אַ שוואַן.

דעם וואַזע־האַלדז דינעם
באַשווערן מיט וואָג
עס זאָל זי צום גרינעם
צום גראָז טאָן אַ יאָג.

עס זאָל זי אַ צי טאָן
דער העל־גרינער גלאַנץ,
עס זאָל זי אַ ברי טאָן,
זי פֿאַלט און בלײַבט גאַנץ.

פֿאַרגעסן

דער דיכטערין אַסיאַ

פֿאַרגעסן הײַנט די בלומען צו באַגיסן,
פֿאַרגעסן צו באַגיסן דײַנע בלומען,
איך ווייס נישט צוליב וואָס דו דאַרפֿסט עס וויסן,
צו וואָס איך בין עס מעלדן דיר געקומען.

אָט שטייען זיי, די בלומען, פֿאַר די אויגן
און מײַנע אויגן זענען ביידע אָפֿן,
פֿאַר וואָס האָב איך געפֿוילט זיך אָנצובייגן
און בין בײַ טאָג אַוועק זיך לייגן שלאָפֿן.

און אָקערשט אויפֿגעשטאַנען און באַדויערט,
איצט מעלד איך דיר און איך לאָז דיר וויסן
מײַן שולד מײַן שווערע און מײַן גרויסן טרויער
און ווידער איך פֿאַרגעס די בלומען צו באַגיסן.

דער ווינט פֿאַרוויגט די ביימער

וויגליד פֿאַר רותעלע לעווין

דער ווינט פֿאַרוויגט די ביימער
און זינגט אַ וויגליד,

דאָס וויגליד הערט נישט קיינער,
די הערערס זענען מיד.

די הערערס ווילן שלאָפֿן,
די הערערס שלאָפֿן שוין.
עס שטייט אַ בוים אין צפֿון
מיט ווײַס פֿאַרדעקטער קרוין.

עס שטייט אַ בוים אין צפֿון,
דײַן טאַטע קומט פֿון דאָרט
און זינגט דיר, דו זאָלסט שלאָפֿן
און ברומט אַ ייִדיש וואָרט.

ער קומט פֿון שניי און שטורעם,
ווי קומט ער דען אַהין?
דײַן טאַטע ז׳דאָך אין דרום
געוואַקסן, ווו ס׳איז גרין.

דערנאָך האָט זיך געטראָפֿן,
עס זאָל נישט טרעפֿן מער
פֿון דרום ביז קיין צפֿון,
פֿון צפֿון ביז אַהער.

דער ווינט פֿאַרוויגט די ביימער
און זינגט אַ וויגליד.
דאָס וויגנליד הערט נישט קיינער,
די הערערס זענען מיד.

די הערערס ווילן שלאָפֿן,
די הערערס שלאָפֿן שוין,
ס׳האָט גאָרנישט נישט געטראָפֿן,
עס בליט דער זעלבער בוים
בײַ רותּעלען אין טרוים.

עס שטייט אַ בוים אין צפֿון
מיט ווײַס פֿאַרדעקטער קרוין.

פּאָרטרעט פֿון אַ רעציטאַטאָר
(לייבו לעווין)

אַ הויכער מאַן, אַן אויסגעבויטער שלאַנק,
געקליידעט ווי זײַן שאָטן, שוואַרץ און שאַרף,
די פֿינגער שפּילן אויף אַ נישט-געזעענער האַרף
און העלפֿן צו דעם מויל צו זײַן געזאַנג.

זײַן הויכער שמאָלער האַלדז ווי בײַ אַ שוואַן,
און שטעקט אַרויס פֿון שמאָלן קאָלנער פֿון זײַן העמד,
זײַן שוואַנענליד קלינגט שטיל און אין דער פֿרעמד
פֿאַרטויבט ווערט פֿון סאָלדאַטסקע באַראַבאַן.

די גרעסטע דיכטערס פֿון דער שווערסטער צײַט
האָט ער געוואָלט אויף זיך ווי אַ פּאַראָם
זיי נעמען און זיי טראָגן קעגן שטראָם
אויף אָפּצוגעבן זיי דער אייביקייט.

נאָר ס'האָט דער שטראָם געשטאַרקט זיך און מיט פֿלײַס
אַרויסגעוואָרפֿן אים אויף אַ ווײַטן ברעג,
האָט ער דעם האַלדז ווי אַ שוואַן געשטרעקט
און אויפֿן ברעג דערפֿילט זיך אויסגעלייזט,
דעם גורל אָנגענומען ווי אַ טרייסט.

פּאָרטרעט פֿון אַ מאָלער
(משה קריניץ)

שטילער און שטילער און שטילער ווערט,
דער שניי האָט די שטילקייט געבראַכט אויף דער ערד
און ס'האָט זי דער מאָלער פֿון ווײַטנס דערהערט.
ווי לאַנג ערשט, אַז ער האָט געמאָלן אַ סטויג,
ער לאָזט דעם פּענדזל אַרויס פֿון דער האַנט
און נעמט אים אַן מיטן אויג.

ער ציט די אויגן צונויף צו פֿיל
און גייט אַזוי האַלב־בלינד צו זײַן ציל
שטילער און שטילער און שטילער פֿון שטיל.
און רויִק אַזוי ווי פֿון אײַז געהאַקט
און גליַיִק אַזוי ווי די זון, וואָס באַקט.

ער טונקט זײַן אויג אין דער ווײַסקייט אײַן
און אויף דער לײַוונט צעפֿירט ער די שײַן,
וואָס קען אין אויג נישט אַרײַן.
די לײַוונט איז ווײַס אַזוי ווי זײַן העמד
און אויף דער ווײַסקייט שנייט פֿון די הענט
מיט שניי, וואָס ברענט און ווערט נישט פֿאַרברענט.

פּאָרטרעט פֿון אַן אַקטריסע

זי האָלט מיט אַלע כּוחות אײַן דעם שמייכל,
וואָס וויל, אַ מידער שוין, אויף רו ערגעץ אַוועק.
איר שמייכל קאָן איר הויכן שטערן נישט דערגרייכן
און דרייט אַרום איר מויל זיך אויסגעקרימט פֿון שרעק.

זי האָט זיך נישט געקימערט וועגן מאָרגן,
בשעת זי איז, אַ יונגע ווילדע ציג,
געשפּרונגען אויף דער בינע גאָר אָן זאָרגן
און מיטן פּליעסקען פֿונעם עולם זיך געקוויקט.

דער עולם האָט געפּליעסקעט און געגאַנגען שלאָפֿן,
געלאָזט די שפּילערין אַליין בײַם שפּיגל שטיין,
זי ווייסט, אַז קיין געשטאַלטן האָט זי נישט געשאַפֿן,
געשפּילט איר נאָמען נאָר, די ראָל פֿון זיך אַליין.

די גרויסע אותיות פֿון איר קליינעם נאָמען
זיך האָבן אויף אַפֿישן ווילד צעטאַנצט,
עס האָט דער נאָמען איר פֿאַרשטעלט דאָס פּנים,
עס האָט די זעלבסט־רעקלאַמע צו פֿיל זיך צעגלאַנצט.

איצט טוט איר באַנג נאָך יענע יונגע צײַטן,
וואָס זענען איר אַוועק גאָר אָן אַ זין.
זי וואָלט אַצינד געשפּילט נישט נאָר פֿאַר לײַטן,
נאָר אויך פֿאַר גאָט אין גרויסן יום־הדין.

דער יום־הדין — דער טאָג פֿונעם סך־הכּל
פֿון אַלע טעג פֿון דער, וואָס האָט געזאָלט
אַ קינסטלער זײַן, אַ לויכטנדיקער פֿאַקל
און נישט געוואָלט, און נישט געוואָלט, און נישט געוואָלט.

פּאָרטרעט פֿון אַ קאָמפּאָזיטאָר
(מאָטל פּאָליאַנסקי)

און ער וואָס איז געווען די לעגענדע
פֿון שטעטל זײַנעם, ווען ס'האָט נאָך געלעבט,
האָט נאָך דעם שטעטלס טרויעריקער ענדע
געענדיקט. די לעגענדע איז נישט דערוועבט.

זײַן לענגלעך פּנים שמייכלט שטענדיק ביטער,
זײַן גוף איז נאָכגיביק דער אַסיענצײַט,
די קלוגע אויגן לאַכן אויס דעם ציטער
פֿון זײַנע פֿינגער אויסגעוועבט פֿון זײַד.

ער איז געווען דער חלום פֿון זײַן שטעטל,
וואָס האָט געזאָלט אים אָפּגעבן דער וועלט,
נאָר ס'האָט די וועלט זײַן שטעטעלע צעטרעטן,
ווען ער האָט איר געזאָנגען צוגעשטעלט.

איצט שטייט ער בײַ זײַן גרויסשטאָטישן פֿענצטער,
נאָר דאַכט זיך אים אין אַן אַנדער וועלט ער לעבט,
פֿאַרמאַכט די אויגן... שטיל אין שטעטל... פֿינצטער.
און פֿון דער שטילקייט שעפּט ער נאָך און שעפּט.

זינג מיר אַ לידעלע!

פֿאַר נחמה ליפּשיץ

זינג מיר אַ לידעלע! זינג עס מיר שטיל!
יאָ, שטיל, איך זאָל קאָנען עס הערן,
סע שטייט פֿונעם וויגעלע אויף אַ געפֿיל,
צעוויינט זיך מיט קינדערשע טרערן.

אָ, זינג עס מיר ווײַטער און קוק נישט אויף מיר
און זאָל דיך נישט אַרן מײַן וויינען.
אַ זאָל פֿול מיט טרערן טוט קוקן אויף דיר,
נאָר דו מעגסט נישט קוקן אויף קיינעם.

פֿאַרמאַך דײַנע אויגן, צעעפֿן די הענט
אַזוי ווי די פֿליגל אַ פֿויגל
און פֿלי מיטן ליד דיר, ברעך דורך די ווענט
און זינג אונדז: "געפֿלויגן־געפֿלויגן".

דו טראַכט נישט פֿון אונדז און זינג עס דיר סתּם:
"די גאָלדענע פּאַווע איז געפֿלויגן".
מיר זעען זי פֿליִען, מיר זעען דעם ים
דורך טרערן פֿון אונדזערע אויגן.

מיר זעען דורך טרערן דעם ים ווי ער קאָכט
און באַלד ווערט ער גלאַט ווי אַ שפּיגל,
און איבערן שפּיגל די פּאַווע, וואָס פֿאָכט
מיט פֿאַרביקע גאָלדענע פֿליגל.

אָ, זינג אונדז דאָס לידעלע, זינג עס אונדז, זינג
און זאָלן זיי פֿליִען און פֿליִען
די גאָלדענע פּאַוועס אַ רינג נאָך אַ רינג,
די גאָלדענע קייט זאָל זיך ציִען.

אַ זינגערין

צווישן שרײַבטיש און דעם ביכערשראַנק
ציט זיך ווי אַ פֿאָדעם דער געדאַנק,
וואָס גייט איבער אין געזאַנג,
וואָס אַ זינגערין, שטייענדיק ווי אויף אַ פּעדעסטאַל,
זינגט דערנאָך אַראָפּ אין סאַמע גרעסטן זאַל,
וואָס איז גרעסער פֿונעם קייסערס שטאַל,
פֿאַר אַן עולם, וואָס איז זאַט און פֿעט
און זײַן קליידערוואַל זיך גלעט
און בעתן הערן זינגען, שושקעט זיך און רעדט
וועגן קריג, וועגן געשעפֿט און וועגן זנות,
וועגן שיין־אַרויסגעשטעלטן לינקן פֿוס
אָט דער זינגערינס, איר אָטעמדיקע ברוסט.
זינגט די זינגערין וועגן שײַן און גליק,
ביז זי וואַרגט זיך מיט אַ פֿרעכן בליק
און זי ציט דעם לינקן פֿוס צוריק
און אַנטלויפֿט אין מיטן זינגען דורך דער הינטערטיר,
לויפֿט אַדורך לאַנגע גאַסן פֿיר,
נאָך דעם געסלער, ליקלער אַן אַ שיער,
ביז זי קומט אַרויס צום פֿעלד צום גרויסן ווי די נאַכט,
וואָס איז נישט באַלויכטן און דער הימל נישט פֿאַרמאַכט.
זעצט זי אויף דער קאַלטער ערד זיך און זי טראַכט.
ציט זיך ווי אַ פֿאָדעם דער געדאַנק
פֿונעם נאַכטפֿעלד ביז מײַן ביכערשראַנק
און גייט איבער אויף מײַן שרײַבטיש אין געזאַנג.

אײַפֿערזוכט פֿון אַ מאָלער

מיר האָט זיך געחלומט די נאַכט, אַז דו טראָגסט,
דו שוואַנגערסט פֿון דעם וואָס איך מאָל אים
און איך בין אויפֿגעשטאַנען פֿאַר טאָג
און דיך געשטראָפֿט פֿאַר מײַן חלום.

און דו האָסט געוויינט, דיך האָבן געקרענקט
די רייד מיט די בייזע בזיונות.
ביסט גרייט, זאָגסטו, ליַידן פֿון מיַינע גענג
נאָר נישט פֿון מיַינע חלומות.

ביסט גרייט, זאָגסטו, ליַידן קעלט און נויט,
ווען איך ווער געניאַרט און באַשווינדלט
און עסן ברויט מיט מיר אויפֿן לויט
און בענטשן מיַין יעדער בילד.

איך ווייס עס אַליין, נאָר מער ווי אַ שעה
צי צוויי וועט נאָך מוזן פֿאַריבער,
ביז וואַנען מיַין הימל איז ווידער בלאָ
און איך בין אַ לויטערער ווידער.

ג

אליעזר פּאָדריאַטשיק
(פּאָרטרעט פֿון אַ בוקיניסט)

צי איז פֿאַראַן אַ מיינונג, וואָס ער האָט נישט געמיינט?
צי איז פֿאַראַן אַ בוך אַזאַ, וואָס ער האָט נישט געלייענט?
צי איז פֿאַראַן אַ שיינע פּרוי, וואָס ער האָט נישט געקענט?
(מיט נישט קיין שיינע שמירט ער זיך נישט אויס די הענט).

פֿאַראַן מחברים, וואָס ער האָט פּערזענלעך פֿײַנט,
נאָר די ביכער זייערע לייענט ער נאָך ביז הײַנט.
וואָס ער טראַכט אָבער פֿון זיי — ווייסן זיי אַ פֿײַג,
לייענט זיי, קוויקט זיך, האָט הנאה און פֿאַרשווײַגט.

בײַ די אַטעיִסטן זוכט ער פּסוקים פֿון תּנ״ך,
בײַ די ייִדישיסטן זייער ליבשאַפֿט צו דער שפּראַך,
בײַ די בוקיניסטן זײַער יחס צון אַ בוך
און בײַ זיי טאַקע געפֿונען, וואָס ער האָט געזוכט.

איבער אַלטע ספֿרים זיצט ער און גענײסט
און ער שרײַבט דערבײַ „נאָטיצן פֿון אַ בוקיניסט״.
יעדער אָפּנייג אין די זײַטן פֿירט אים באַלד צוריק צו זיי,
יעדער אָפּנייג רעכטס צי לינקס און אַיעדער דריי,
יעדער אָפּנייג צו די הייכן, יעדער אָפּנייג אין דער טיף,
די „נאָטיצן״ בלײַבן עד־היום זײַן ייִחוס־בריוו.

ירושלים, 27סטער מײַ, 1993

איציק שוואַרץ (י. קאַראַ)

אָן קיין אַרבעט איז ער קיין מאָל נישט געזעסן,
קיין פּרנסה האָט ער קיין מאָל נישט געהאָט,
ביכער ער געשלונגען האָט, געגעסן
און איז קיין מאָל נישט געבליבן זאָט.

פֿון איעדן בוך אַ פֿאַנג אַרויסגעצויגן,
גלײַך ווי מיט אַ ווענטקע מיט דער פֿען אין האַנט
און דערנאָך געמאָסטן און געוווויגן
וויפֿל דער און יענער האָט טאַלאַנט.

די געשיכטע פֿון די ייִדן אין רומעניע,
זייער ייִדישע ליטעראַטור,
ס'איז זײַן שרײַבטישל אַ גאַנצע אַקאַדעמיע
פֿון צען גאָרנס אין מיניאַטור.

אין טעאַטער ייִדישן צעשטיפֿטן
היט ער אָפּ די ריינקייט פֿון דער שפּראַך,
מיטרעדאַקטער פֿון די „בוקאַרעסטער שריפֿטן"
ביזן סאַמע צענטן אַלמאַנאַך.

צווישן איין מאמר און דעם צווייטן,
וואָס ער דרוקט ווו נאָר אַ ייִדיש בלאַט
שרײַבט ער אַ דערציילונג וועגן עלטער־זיידן,
וואָס זײַן עלטער־זיידע האָט געהאַט.

ירושלים, 29סטער מײַ, 1993

דאָס ליד, דער פֿויגל און דער זינגער

דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון זעליק באַרדיטשעווער

אין איינעם אַ רוים האָט אַ פֿויגל געשוועבט,
אין איינער אַ שטאָט האָט אַ זינגער געלעבט
און ס'האָט זיי איין בילד צוזאַמענגעוועבט.

די אַקסל פֿון זינגער — שמאָל און שוואַך,
דער פֿויגל לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿן דאַך
בײַ נאַכט, ווען דער זינגער איז וואַך.

דער זינגער לערנט דעם פֿויגל זײַן ליד,
דאָס ליד כאַפּט זיך אויף פֿאַר טאָג און פֿליט
און נעמט מיט זיך דעם פֿויגל מיט.

זיוויליקן

ווער האָט דאָס שיפֿל אָפּגעשטויסן
פֿון ברעג אַ שעה פֿאַרן געוויטער?
אויף ים אויף איצטער אויפֿגעברויזטן
איז נישט געווען צו זען קיין ציטער.

ס'איז שטיל געווען. דער ים — אַ שפּיגל,
וואָס שפּיגלט וואָלקנס, וועלכע שוועבן.
ס'האָט יעדער זיך אין ים געשפּיגלט,
געזען דעם שפּיגל פֿון זײַן לעבן.

ווי רוּיק האָט זיך עס געצייכנט
און זיך געפֿאַרבט און אויסגעטיילט זיך
און לויטער, אָן דעם מינדסטן קנייטשל
מיט שײַן מיט אייגענער באַהעלט זיך.

און צווישן אַלץ אַ שיפֿל וויגט זיך
אין מיטן ים אויף בלויען וואַסער
און ווען סע טרינקט שוין אָן מײַן בליק זיך,
ער ווערט אַ טרערנפֿולער, נאַסער.

אַזוי פֿיל פֿרייד ווער קאָן דערטראָגן?
דאָס האַרץ, וואָס איז געוווינט צו בענקען,
האָט עס אַרויסגעלאָזט דאָס שיפֿל
אין מיטן ים, סע זאָל זיך טרענקען.

און אייביק־אייביק בענקט זיך, זיווליק,
זײַ מוחל, שיער אין דיר פֿאַרגעסן.
צי איז געווען דאָס שיפֿל ליידיק?
מיר דאַכט זיך, דו ביסט דאָרט געזעסן.

אַ ווײַסער וואָלקן אויפֿן הימל,
נאָר דו ביסט אַזאַ קליינער, בלאַסער,
אַ נאַסער, נאַקעטער אין שיפֿל
און שפּיגלסט זיך אין ווײַסן וואַסער.

דו וויגסט אין דעם זיך ווי אין וויגל,
בשעת דײַן מאַמע האָט פֿאַרוויגט דיך
און זינגסט אַליין דאָס וויגנלידל,
פֿון זינגען אייגענעם ביסט גליקלער.

דו ביסט מיט אַ געזאַנג אַ גרויסן
אין טיפֿעניש ערגעץ פֿאַרשווומען,
אויף ים אויף איצטער אויפֿגעברויזטן
געוועזן איז דעמאָלט ערב שטורעם.

י. לערנער

כעלעם אַ שטאָט איז, בריטשאַן איז אַ שטעטל,
פֿאַר איך אַריבער פֿון שטעטל אין שטאָט,
ס׳האָבן די חכמי הכעלעם פֿאַרבעטן
מיך, אַ זינגער באַדאַרפֿן זיי גראָד.

ערשטנס, מיינען די כעלעמער ייִדן,
איז דער פּינקס שוין עפּעס נישט דאָס,
נודנע און טרוקן, סע וויל זיך אַ לידל,
נײַס עפּעס וויל זיך, גרינגס עפּעס־וואָס.

צווייטנס, האָבן די כעלעמער באַשלאָסן
אויף אַן אַסיפֿה פֿון דרײַ מעת־לעת
ברענגען דעם רבינס טאָכטער אַ חתן
נישט קיין עני חשוב כמת,

נאָר אַ שיינעם און פֿריילעכן קבצן,
נאָר אַ יונגן און פֿריילעכן יאָט
פֿון אַ יאָר זיבעצן אָדער אַכצן,
פֿונעם ווײַטן לערנערגראַד.

זינגען זאָל ער כעלעמער לידער,
טרינקען זאָל ער בריטשאַנער ווײַן

נאָר מיט כעלעמער גוטע־ברידער
און אַ כעלעמער חסיד זײַן.

כעלעם האָט מיך באַצײַטנס פֿאַרבעטן,
אויסגעשריבן מיך פֿון בריטשאַן.
פֿופֿציק יאָר, אַז איך פֿאָר פֿון שטעטל
דורך אַלטמאַנס מעדוועזשי און שטיינבאַרגס ליפּקאַן.

פּאָרטרעט פֿון מחבר פֿון ציקל „כעלעמער חכמים" — יאָסל לערנער

אַ טיפֿער טרויער אָן געוויין
און ס'האַלט זיך על־פּי נס דער חן
אויף זײַנע באַקן — הויט און ביין.

ער רעדט און רעדט און ס'איז דער סם
פֿון רעדן זײַנעם מלא־טעם
און זיס און זינגענדיק, צום גראַם.

און כעלעם איז פֿאַר אים אַן אָרט,
חכמים איז פֿאַר אים אַ וואָרט
און ביידע זיי — אַ נאָמען,
וואָס ער האָט אים פֿון דאָ און דאָרט
צונויפֿגעבראַכט, צונויפֿגעפּאָרט:
„כעלעמער חכמים".

טשערנאָוויץ, 1957

צו גאַסט

איך קוק צו אים אַרײַן דורך אַ שפּאַרונע
און לאָז אים בלײַבן לאַנג מיט זיך אַליין,
איך זע אים אומגיין אויף אַ דינער סטרונע,
(ס'איז לײַכטער ווי אויף הוילער ערד צו גיין).

איך הער זיך איַין צו אים פֿון דער זײַט שויבן
און לאָז אים בלײַבן לאַנג מיטן געזאַנג,
וואָס פֿלאַטערט אום ווי ס׳פֿלאַטערן די טויבן
פֿאַר נאַכט אין פֿעלד אַרום אַ לעצטער זאַנג.

איך קלאַפּ אים אָן, נאָר שטיל, ער זאָל נישט הערן,
מיר איז אַ שאָד אים אויפֿוועקן פֿון טרוים.
עס קאָן דערפֿון אַ גאַנצער הימל שטערן
אַראָפּפֿאַלן, חלילה, אויף אַ בוים.

אַראָפּפֿאַלן, חלילה, אויף אַ צווײַגל,
אַראָפּפֿאַלן, חלילה, אויף אַ נעסט
און ער דערפֿון דערנאָך וועט לײַדן, לײַדן,
איז בעסער הײַנט צו לאָזן אים אַליין.

יעקב פֿרידמאַן

און קומען וועט אַ נישט־פֿאַרגייענדיקער טאָג,
און קומען וועט אַ שבת פֿון גן־עדן.
די צײַט וועט בלײַבן שטיין, דער זייגערשלאָג
אין סאַמע מיטן פֿון די העכסטע פֿריידן.

דאָס בילד מיט גרינס וועט הענגען פֿאַרן אויג,
דער טעם פֿון מן וועט בלײַבן אויפֿן גומען,
די יונגע פּאָר, וואָס נעכטיקט אויפֿן סטויג
וועט דאָרט שוין אייביקן, ווען דער טאָג וועט קומען.

און יעקב פֿרידמאַן וועט דאָס לעצטע ליד
דער אייביקייט דער שטייענדיקער שענקען,
די אייביקייט געדענקען וועט דעם ייִד,
די אייביקייט וועט יעקבן געדענקען.

טשערנאָוויץ, 1957

אפֿרים רויטמאַן

1

"נאָר ווי אַ יונגער טײַך מיט בלאָע אויגן" —
מיט אָט דער איינער שיינער שורה האָט מײַן פֿרײַנד פֿאַרצויגן
אַ לאַנג געזאַנג, וואָס האָט זיך אין זיגזאַגן אויסגעבויגן,

נאָר אײַנגעשרומפּן זיך אין ברייטע טאָלן,
זײַן ברייטער אָנהייב איז פֿאַר אים געוועזן ווי אַ קללה,
ווײַל אַלע טײַכן הייבן אָן זיך שמאָלע.

זיי זאַמלען אויפֿן וועג די ריטשקעלעך צוזאַמען
און קומען ברייטע צו די טיפֿע ימען,
געדענקענדיק די אָנהייבן, פֿון וועלכע זיי שטאַמען.

נאָר ער, איך בעט אײַך, וואָס זאָל זיך דערמאָנען
אין ערשטן ליד פֿון וועלטן, אָקעאַנען ?
וואָס שרײַבט ער נישט קיין ליד וועגן זײַן מאַמען ?

טשערנאָוויץ, 1957

2

"אויפֿן אינדזל פֿון זען" זעט מען דעם ים,
אויף די כוואַליעס פֿון ים זעט מען דעם פֿלאַם
און אין פֿלאַם דאָס פֿײַער פֿון אויבן,
קוקט ער אַרויף, זעט ער דעם רוים,
פֿלאַך איז דער רוים, דער פֿאָן פֿאַר זײַן טרוים,
פֿאַר זײַן וואָר, פֿאַר זײַן גלויבן.

גרויס איז די וועלט ? קליין איז די וועלט ?
נישט מיט דער לענג און דער ברייט פֿונעם פֿעלד
וועט ער די וועלט זײַנע מעסטן.
נישט מיט דער וואָג פֿון שווערע זעק,
נישט מיט דער גרייס פֿון ריזיקע פּעק,
אַפֿילו נישט פֿונעם גרעסטן.

נישט דאָס שטעטל פֿון מאיר חרץ,
לערנערס כעלעם איז אויך נישט דאָס פּלאַץ
פֿאַר זײַן פֿאַרמעסט, פֿאַר זײַן פֿורעם.
אויף אַן אינדזל שטייט ניו־יאָרק די שטאָט,
אויף אַן אינדזל אויבן אין הימל וווינט גאָט,
אויפֿן אינדזל פֿון זען שטייט זײַן טורעם,
נאָר וואָס וועט ער זען אין אַ שטורעם?
און וואָס קען מען זען דען דורך אים
און ווען?
— אין הונדערט יאָר אַרום וועסטו זען.
דערווײַל איז פֿאַרבײַ אַריבער די צען
און ער איז שוין עטלעכע יאָר נישטאָ.
בלויז דער יונגער טײַך איז דאָ,
בלויז דער טײַך איז געבליבן בלאָ.

צווישן דיכטערס

(פֿרײַנדלעכע שאַרזשן)

1

איך האָב אים דורכגעלייענט אַ ליד,
דערמאָנט אים, אַז ס'איז, כּלומרשט, זײַנס
און ער האָט געלויבט דאָס ליד:
עס איז אַ געדיכט אַ פֿײַנס.
דערנאָך — כ'האָב געגעבן אַ שניט:
דאָס ליד איז דאָך אָבער מײַנס.
אויך ער האָט זײַן פֿעלער פֿאַרריכט:
אַ שוואַך געדיכט.

2

די פּאָסט האָט געבראַכט דעם זשורנאַל,
געבראַכט דער זשורנאַל האָט זײַן ווערק,
ווי ער האָט באַזונגען דעם אַל,
געקײַקלט פֿעלדזן און בערג.

ער האָט עס דורכגעקוקט
און פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט:
זיי האָבן דאָס בעסטע פֿאַרמעקט,
דאָס ערגסטע אַרײַנגעשטעלט.

ס'איז אפֿשר, זאָג איך, אַ גרײַז
פֿון זעצער, ווי אָפֿט סע טרעפֿט,
איך האָב אים געזאָגט: באַווײַז
די קאָפּיע בײַ דיר אין העפֿט.

און הערט אַ וווּנדער, אַ נס,
און הערט, וואָס סע קען געשען —
דער זעלבער זעצער־גרײַז
איז אויך אין זײַן העפֿט געווען.

און דאָ האָט מײַן פֿרײַנד זיך פֿאַרטראַכט
און באַלד דערנאָך געזאָגט:
איך האָב אַ טעות געמאַכט,
איך האָב זיך אויף גוטס געקלאָגט.

מײַן חבֿר, דער דיכטער

מײַן חבֿר, דער דיכטער, קלינגט מיר אָן,
ער האָט אין אַ צײַטונג אַ קוק געטאָן
און האָט דאָרט, דאַכט זיך, געזען מײַנס אַ ליד,
דעם נאָמען פֿון ליד געדענקט ער ניט.

מײַן חבֿר, דער דיכטער, קלינגט מיר אָן,
צי האָב איך געלייענט זײַן ליד "די פֿאָן".
וואָס זאָגסטו אויף דער שפּראַך מײַנער דאָרט?
איאָ, ס'איז פּערל איעדער וואָרט?

וואָס זאָגסטו אויפֿן אָנהייב, האַ?
צי האָסטו געזען שוין אַן אָנהייב אַזאַ?

וואָס זאָגסטו אויף דער קראַפּט אין דער מיט?
דער סוף איז גאָלד, צי געפּינסטו ניט?

מײַן חבר האָט שיער פּאַר פרייד געוויינט,
און איך, כאָטש איך האָב נאָך זײַן "פּאָן" נישט געלייענט,
האָב ביזן הימל געלויבט זײַן "פּאָן"
און אויסגעשלאָסן דעם טעלעפאָן.

די קרוין פון אײַזן

דער הימל האָט מיר אָנגעטאָן אַ קרוין פון אַ פּוד אײַזן.
בין איך אַרויס אין גאַס פּאַר בלינדע זיך באַווײַזן
און ווען איך האָב געזען, אַז קיינער וויל נישט קוקן
און קיינער וויל זיך צו מײַן קרוין נישט בוקן,
האָב איך אַ כאַפּ געטאָן די קרוין בײַ די סאַמע הערנער
און אָפּגעטראָגן זי צו מײַן חבֿר יאָסל לערנער.
האָט ער זי פון די הענט גלײַך פּאַר מײַנע אויגן
אַראָפּגעלאָזט, ווײַל זי האָט, ווי געזאָגט, אַ פּוד געוויגן
און גלײַך געווענדעט זיך צו אַנדערע פּאָעטן
און פרויקע רויטמאַן צו דער קרוין פּאַרבעטן,
ער זאָל זי אויפהייבן פריִער אויף די אַקסל
און נאָך דעם אויפן קאָפּ, ווערט ער העכער וואַקסן.
האָט ער אַרויסגערוקט אַ טענה, קאָן זײַן, אַז אַ גערעכטע —
דאָס אײַזן איז קיין אײַזן נישט, די קרוין איז נישט קיין עכטע.
דאָ האָבן מיר שוין אַלע דרײַ טשערנאָוויצער שרײַבער
אין דער היים באַראָטן זיך מיט די קלוגע ווײַבער
און ס'האָבן אונדז די ווײַבער אונדזערע געראָטן
די קרוין צו לאָזן ליגן און זיך ניצן מיט איר שאָטן.
סע ווערט פון איר דער קאָפּ נישט שווערער אויף קיין האָר נישט
ווײַל אײַזן צי נישט אײַזן, דער שאָטן וועגט נישט גאָרנישט.
וואָלט שיין געווען דאָך, פײַן און גוט, אַזוי צו זאָגן,
ווען ס'וואָלט די קרוין די שווערע שאָטנס דרײַ פּאַרמאָגן.

ירושלים, 1979

דער ליולקע-רייכערער

ער זיצט פֿאַרקלערט און האַלט אין זײַט פֿון מויל זײַנעם אַ ליולקע,
ער לעבט פֿון רויך און ס'איז דער רויך זײַן ראַסלפּלייש, זײַן בולקע,
ער שטעקט אין רויך בײַ טאָג, בײַ נאַכט און זעט אין רויך געשטאַלטן,
כ'האָב קוים אין רויך אים אָפּגעזוכט, זײַן אויסזען קוים פֿאַרהאַלטן.

זײַן קאָפּ איז גראָ, די אויגן שוואַרץ, נאָר שטאַרק צונויפֿגעצויגן,
איך האָב אַ מאָל געזען בײַ אים צוויי גרויסע הייסע אויגן,
בשעת ער האָט געשלאָגן זיך מיט אויסגעטראַכטע קעגנער
ווי דאָן קיכאָט און זיך געזען אין שפּיץ, דער פֿאָנענטרעגער.

דער סאַמע בעסטער אינעם שטרײַט האָט ער פֿון זיך געחלומט,
נאָר ס'האָט בײַם טויער זיך קאַפּויער אויסגעלאָזט זײַן חלום,
איצט זיצט ער זיך פֿאַרקלערט און האַלט אין מויל זײַנעם אַ ליולקע
און טרוימט פֿון רום און ס'איז דער טרוים זײַן ראַסל און זײַן בולקע.

מאָטל סאַקציער

אַ ווײַסער וואָלקן אויפֿן הימל האָט
ווי מילך אויפֿן פֿלאַם זיך אויפֿגעהויבן,
אַ ווײַסער רעגן איז איבער דער שטאָט
אַראָפּ מיט רויש און נאַס געמאַכט די שטויבן

און נאָכן רעגן, ס'איז געווען פֿאַר נאַכט,
בין איך מיט דיר אַרויס ווי יענע יאָרן,
מיר האָבן ווידער אַזוי יונג געלאַכט,
ווי ס'לאַכט אַקעגן אונדז אַצינד דאָס יונגע פּאָרל.

דו רופֿסט מיך אַלץ ווי דעמאָלט סאַקציער,
כאָטש מאָטל רופֿן מיך אַפֿילו פֿרעמדע,
אויך מאָטעלע מיך רופֿט נאָך עמעץ־ווער
בײַם אַלטן יוגנט־נאָמען אומפֿאַרענדערט.

און דו בלײַבסט סויקעלע ביז הונדערט צוואַנציק יאָר,
איך ווען דו ווערסט מיט גליק אַ באָבע ווערן,
מיר זענען ביידע דאָך פֿון גאָט אַ פּאָר
און ביידע קוקן מיר בשותּפֿות צו די שטערן.

נאָר ווי מע זאָל נישט רופֿן אונדז, איך טראַכט,
ס'איז נאָכן רעגן, פּונקט ווי יענע יאָרן,
מיר לאָכן איינס צום צווייטן, ווי סע לאַכט
אַצינד אַקעגן אונדז דאָס יונגע פּאָרל.

איך לייען דיר יענע לידער, וואָס איך האָב
געזאָלט דיר דעמאָלט לייענען בעתן קושן.
געווען איז יונג, מיט לידער פֿול, מײַן קאָפּ,
נאָר נישט געוואַגט דאָס יונגע האַרץ און פֿול מיט בושה.

און נאָך עפּעס, דער עיקר, איך האָב נאָך
נישט אויפֿגעשריבן דעמאָלט יענע לידער,
כ'האָב אָנגעשריבן זיי ערשט יענע וואָך
מיט אַלטער טינט אויף אַלט פּאַפּיר און דאָך
איך לייען זיי דיר אַצינד און קוש דיך ווידער.

לזכר לייב דרוקער

אי דאָר, אי שמאָל, ווי אָנגעמאָסטן
פֿאַרן דעמאָלטיקן סופֿלאָרישן קאַסטן.
אין שטייענדיקן טעאַטער־קבֿר
האָט קוים געקענט ער רירן מיט אַן אבֿר.
געשעפּטשעט די ווערטער ווי אויפֿן אויער,
די ווערטער פֿון דימאָווס "זינגער פֿון זײַן טרויער"
און האָט אַ שפּילער פֿאַרשפּילט אַ וואָרט,
האָט ער אים אַן אַנדערס געפֿונען אויפֿן אָרט,
דערנאָך די ווערטער אויסגענוצט ווידער
אין זײַנע "זיבן און צוואַנציק לידער".

לזכר אַהרן אַקניצער,
מחבר פֿון בוך "עוואַנגעלישע מאַטיוון"

דאָס אויסזען פֿון ישון — דעם זון פֿון גליל —
האָט ער אָנגעהויבן שילדערן אין בראַזיל
און צו איינעם אַ זאָץ, אָנגעהויבן דאָרט,
האָט געפֿעלט נאָך איינס, דאָס וויכטיקסטע וואָרט,
האָט ער עס געזוכט אויף אַן אַנדער אָרט.

ער איז אויסגעפֿאָרן דרײַ פֿערטל וועלט,
ווו ישוס בילד איז צעהאַנגען, צעשטעלט
און אומעטום אַן אַנדער וועלט
און אומעטום אַן אַנדער בילד
און אומעטום האָט ער געפֿילט,
אַז עפּעס עיקרדיקס דאָרט פֿעלט,
אַז אומעטום, אויף יעדן אָרט
פֿעלט דאָס פֿון אים געזוכטע וואָרט.

יוסף בורג

די וואַלדריטשקעס יאָגן שמאָלע ווי שטעגן
און ווערן אין לויף זייערן ברייט ווי די וועגן,
וואָס לעכצן און בענקען ווי פֿעלדער צום רעגן.

זיי יאָגן איינע די אַנדערע איבער
און גיסן אַרײַן זיך אין טשערעמוש דעם גיבור,
וואָס טראָגט אויף זײַן רוקן געהילץ פֿאַר די שטיבער.

אַ ייִדיש ייִנגל אין דער בוקאָווינע
שפּאַצירט אויף די ברעגעס פֿון טשערעמוש די גרינע
און האָט זיי שפּעטער בײַם שרײַבן אין זינען.

זײַן טאַטן, די פּליטן, וואָס ער האָט געטריבן,
מיט ליבשאַפֿט האָט ער די בילדער געקליבן,
דערנאָך זיי אין בוך „בײַם טשערעמוש“ באַשריבן.

טשערנאָוויץ, 1957

יאַנקל יאַקיר

זוכט נישט קיין אונגענער אין אונגען,
זוכט נישט אין פּערליץ מער קיין פּערליצער,
אַלע העלדן זיצן אויף מײַן פּען,
סײַ פּײַוול פּלאַם, סײַ בערל ברען,
סײַ הערשל היץ, סײַ שלמה שוויצער.

זוכט נישט קיין אונגענער אין אונגען,
נישט אין גאַס און נישט אין מינדסטן ליקל,
אַלע העלדן זיצן אויף מײַן פּען,
סײַ פּײַוול פּלאַם, סײַ בערל ברען
און וואַרטן אויף אַ תּיקון.

גאָט האָט מיך געבענטשט אָדער געשטראָפֿט
מיט אַ שטאַרקן אײַזערנעם זכּרון.
אַ מאָל איז ער געווען פֿאַר מיר אַ שטראָף,
אַ מאָל האָט ער מיר שיער געבראַכט דעם סוף,
אַ מאָל איז ער געוועזן מײַן חסרון.

און הײַנט, אַז איך געדענק שוין נישט געננוי,
צי איז, ווי איך באַשרײַב, אַזוי געוועזן,
צי ווייניקער צי מערער מיט אַ שטרוי
אין בעסאַראַבער דאָרף, צי ווייניקער אַ גוי,
צי מערער מיט אַ גרעזל.

איז קוקט מען מיט שפּאַקטיוון אויף מײַן פּען,
בשעת איך שרײַב זכרונות וועגן שרײַבער,

קאָן זײַן, אַז איך פֿאַרפּלאָנטער וואָס און ווען,
גערדאַרפֿט אפֿשר זיך האַלטן בײַ אונגען,
בײַם מענה־לשון פֿון פּערליצער ווײַבער.

זוכט נישט קיין אונגענער אין אונגען,
אַלע העלדן זיצן אויף מײַן פּען.

דער פּעסימיסט
(יחיאל פֿרוזמאַן)

אויפֿן טיש זענען געשטאַנען פֿאַרשידענע געטראַנקען,
אין דער לופֿט זענען געהאַנגען פֿאַרשידענע געדאַנקען,
יעדער געטרונקען האָט, וואָס אים געפֿעלט,
איטלעכער האָט אַנדערש געקוקט אויף דער וועלט,
בלויז אים האָט געצויגן צו גרויקייט און קעלט.

האָט ער צעהאַנגען איבער אונדזערע וועגן
רוימען מיט גראָע וואָלקנס און רעגן,
רעגנס און וואָלקנס און צו לעצט
אַליין זיך אין שטוב אָוועקגעזעצט,
זײַן קאָפּ זאָל נישט ווערן, חלילה, פֿאַרנעצט.

הערש־לייב קאַזשבער

ער איז געווען ווי אַ פּאַווע שיין,
ווי זי אַראָפּגעקוקט מיט געוויין,
נאָר אויף דער פֿאַרצווייפֿלונג געענטפֿערט: ניין!
און איז אין מיטן זײַן שווערן ניין
געבליבן דערהויבן שטיין.

ער האָט זײַן ביכעלע לאַנג געבויט,
געגעסן דאָס אָרעמע לערערברויט

און נישט געקלאָגט זיך אויף קיין נויט
און אַז די צײַט איז געוואָרן רויט,
האָט זײַן געקנייטשטער קאָפּ געגרויט.

זײַן קאָפּ האָט געקנייטשט זיך אַראָפּ און אַרויף,
זײַן בליק — פֿאַרחלומט ווי ערשט פֿונעם שלאָף —
האָט אַריבערגעקוקט אַהין צום אין־סוף,
ווו סע פּאַשען זיך די נשמות פֿון שאָף
און געזוכט דאָרט די וואָל פֿאַרן פֿײַנסטן שטאָף.

און האָט ער נישט אויסגעוועבט דאָס געוואַנט,
איז נישט ווײַל ס'האָט אויסגעפֿעלט וואָל אין לאַנד
און נישט ווײַל ס'האָט זיך אים שווער געשפּאַנט
און נישט ווײַל ס'האָט אים געציטערט די האַנט
בײַם וועבן די פֿאַרבן פֿונעם געוואַנט.

ער האָט בײַ די פֿעדעם געפֿאַרבטע רויט
פֿאַרלוירן דעם טעם צו זאַלץ און צו ברויט
און ווען אויפֿן הימל האָט עטוואָס געבלויט
איז ער קרומערהייט אַריבער דעם פּלויט
און געבעטן אַזיל בײַם טויט.

הערש-לייב קאַזשבער צוקאָפּנס בײַם פֿאַרשטאָרבענעם קובי וואָהל

ס'האָט קאַזשבער געוואַכט אַ גאַנצע נאַכט,
ער האָט נישט געוויינט און נישט געלאַכט,
נאָר גלײַך גערעדט, וואָס ער טראַכט:

מײַן פֿרײַנד, ביסט טויט, איך האָב אַ טרייסט,
כ'וועל אויכעט שטאַרבן, דו פֿאַרשטײסט,
דער טויט איז נישט דײַנער אַליין, ווי דו ווייסט.

די "מאַסן־קבֿרים", "הונגער", "קריג",
דאָס איז דײַן ליד און דאָס איז דײַן גליק,
דאָס סאַמע גרעסטע שטיק.

זיי וועלן זיך נאָכיאָגן נאָך מיר
דער "הונגער", "דער קריג" און מיך ברענגען צו דיר,
מײַן פֿרײַנד, אויף די פֿליגל פֿון דײַן שיר.

הערץ ריווקין (הײַסינער)

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער נאָמען,
וואָס דײַן טאַטע, דער ציוני פֿון קאַפּריווקע,
האָט געגעבן דיר און דו האָסט נישט געוואָלט אים
און זיך צוגעזעצט דעם נאָמען פֿון דײַן מאַמען — רבֿקה.

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער ייִחוס
פֿונעם שיינעם ייִד, דײַן טאַטן פֿון קאָפּרעשט,
כאָטש דו האָסט אין דיכטערישער שליחות
וועגן מאַרקס געזונגען, נישט וועגן דעם בעש"ט.

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט די בושה —
דײַן משיח, וואָס האָט קולבאַקן צעשאָסן,
האָט צעטראָטן מיט די שטיוול די ירושה
אויך דײַן מאַמעס און דײַן מאַמע־לשון.

ס'איז געווען דער ענטפֿער אויף די פֿראַגן
פֿון עלעגיע דײַנער דער נאַיווער.
דאָס צו פֿרעגן נאָר נאַיווע וואָגן:
"זאָג ווער ביסטו, פֿירער צי פֿאַרפֿירער?"

מער פֿון אַלע האָסטו נאָענט צום האַרצן
זיך גענומען אַלע קרומע זײַטן
פֿון דײַן העלן חלום, וואָס אין שוואַרצן
זיך אויך דיר באַוויזן אין סיבירער ווײַטן.

דיך אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע רויטע נעגל,
וואָס ער האָט זיי פֿאַר דער וועלט באַהאַלטן,
אויסגעמישט די שנייען מיט די וועגן
און אויף אייביק דיך פֿאַרהאַלטן.

פּאָרטרעט פֿון אַ קדוש

דעם אָנדענק פֿון דיכטער זישע באַגיש

דו האָסט זיך פֿאַר די נעגערס אָנגענומען,
דײַן ליד האָט זיך צו זייער צער געבוקט.
דערפֿאַר האָבן די היטלערס אויסגעפֿונען,
אַז דו פֿאַר זיי ביסט אויך נישט ווײַס גענוג.

זיי האָבן אונדזער עדה אויסגעראָטן,
זיי האָבן אונדז געלינטשט מיט אַ סיסטעם
און דו האָסט אויך דײַן לעבן אָנגעבאָטן,
כאָטש דו ביסט נאָך אין צעטל נישט געווען.

אַ יונגער בחור איז געווען פֿאַרשריבן
אין יענער פֿאַרטיע בלוט פֿאַר אָשוויענטשים,
נאָר דו האָסט זיך פֿאַר אים אַרויסגעגעבן,
דײַן קראַנקן גוף האָסטו געלייגט פֿאַר אים.

פֿון אָשוויענטשימער פֿלאַם איז אויפֿגעשטיגן
דײַן גאַנץ־געבליבענע נשמה ווי אַ רוף
און אָפּגעזוכט דעם יונג, וואָס איז פֿאַרבליבן,
און אים באַזעלט, באַזעלט זײַן יונגן גוף.

באַמערקונג: דאָס אויבן באַשריבענע איז אַ באַשטעטיקטער פֿאַקט, דער אָפּגע-
ראַטעוועטער א. ס. געפֿינט זיך אין מעלבורן, אויסטראַליע, און איז דאָרטן
טעטיק געזעלשאַפֿטלעך. — (יהודה קערש).

דעם פֿרײַנד פֿון פּאָעטן — הערש סעגאַלן

ווו האַלט זיך אויף אין מענטשן די נשמה?
ווו וואַכט אין אים זײַן שומר, דאָס געוויסן?
עס ליגט בײַם פֿרײַנד צעגאָסן אויפֿן פּנים
און שײַנט מיט שטילקייט און מיט קלאָרן וויסן.

די דינע ליניעס אויף זײַן אײדעלן שטערן
באַשרײַבן פּאַר איַעדן אין די אויגן
די צייכנס פֿון זײַן פּילן און זײַן קלערן,
וואָס האָבן זיך פֿון טיפֿקייט אויפֿגעהויבן.

זײַן שוועל ציט צו, זײַן טיר איז שטענדיק אָפֿן,
דער טיש איז גרייט פֿאַר שטילע רייד, פֿאַר שווײַגן,
וואָס בינדט צונויף מיט אַלטע פֿילאָזאָפֿן
און העלפֿט דעם מענטשן זיך אַריבערשטײַגן.

בײַ אונדזער קומען מאַכט ער צו די ביכער,
פֿון אַנערקענטע נעמען און באַוווּסטע,
באַוווּסטע, גרויסע און באַרימט אויף זיכער
און פּרוּווט זיך אויס אויף אונדז די אומבאַוווּסטע.

פֿון קליינע שטעטלעך זענען מיר געקומען
צום גרויסן טיש, צו זײַנע ברייטע ברעגעס,
פֿון אַלע זײַטן אים אַרומגענומען
און דורכגעלעבט די סאַמע טיפֿסטע רגעס.

און איך בין אויך געקומען מיט מײַן קריגל,
געשעפּט און זיך געשפּיגלט אין זײַן פּילן.
מיר האָבן אַלע זיך אין אונדזער פֿרײַנד געשפּיגלט
ווי וואָלקנדלעך אין אַ טײַך אַ שטילן.

און מער פֿון אַלע איבעריקע זיבן
בין איך, דער אַכטער, לאַנג נישט אָפּגעטראָטן.
בין איך בײַם ברעג פֿון טיש ביז טאָג פֿאַרבליבן
און אויף זײַן וואַנט פֿאַרקריצט מײַן יונגן שאָטן.

חיים גינינגער

אין גלאַנץ פֿון זײַנע אויגן איז פֿאַרבליבן
אַ ניצוץ פֿון אליעזר שטיינבאַרגס ברילן,
פֿון אַלץ, וואָס שטיינבאַרג האָט גערעדט, געשריבן
און אָנגעצונדן גינינגערס געפֿילן.

געוויינלעך נוצט מען ברילן צו די אויגן,
נאָר גינינגער האָט אויך אין ד'אויערן דאָרטן
פֿאַרמאָגט אַזוינס, וואָס האָט די קלאַנגען צוגעצויגן,
זיי אָפּגעוווגן און צעטיילט אויף סאָרטן.

אָט שטייט ער מיט אַ לאַנגן ווערטער־צעטל
דער טשערנאָוויצער בחור און מיר הערן.
די ווערטער, וואָס מיר ברענגען פֿונעם באַסאַראַבער שטעטל,
צעעפֿנט ער און ווײַזט אונדז זייער קערן.

טשערנאָוויץ, 1957

פֿאַרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַ וווּנדערקינד
(מרדכי שקאָלניק־זעלנער)

אָנגעהויבן מיט אַ ליד "דער מאַמען"
און געענדיקט עס: "כ'בין אַ קינד דער וועלטס".
האָבן אים פֿאַרשלונגען יענע פֿלאַמען,
יענע כוואַליעס אַרום יענעם פֿעלדז.

ווו די שיפֿלער האָבן זיך צעשמעטערט,
ווו די שיפֿערס האָבן זיך פֿאַרברענט
און די טרוימערס האָבן נישט דערקלעטערט
אָנרירן די שטערן מיט די הענט.

פֿון די הייכן טיף אַראָפּגעפֿאַלן,
האָבן אים קיין קרעפֿטן נישט געקלעקט
אויסצופֿלעכטן זיך אַ שטריק פֿון שטראַלן,
וואָס די זון האָט זיי אים אויסגעשטרעקט.

דער נס

ווען דער באַרג ווערט אַ בולקע, אַ ראָסל — דער נעסטער,
וואָלט עס געווען דער נס דער גרעסטער
פֿון אַלע נסים אונטער דער זון.

וואָלט דער פּאָעט דער אויעזדנע פֿאַרבעטן
פֿון ד׳אַרומיקע שטעטלעך אַלע פּאָעטן
צו זען דעם נס און געניסן דערפֿון.

האָט שוין דער נס געהאַלטן אין ווערן,
האָט דער פּאָעט זיך פֿאַרקוקט אויף שטערן
און האָט אים אַליין פֿאַרזען.

האָט ער געהונגערט און זיך פֿאַרדאַרבן,
ס׳איז דער פּאָעט, וואָס איז יונג געשטאָרבן,
ווי איך אַ בטלן געווען.

בין איך אָבער לעבן געבליבן,
לעבן געבליבן, דאָס ליד אָנגעשריבן,
איז טאַקע אַ נס געשען.

בערל שנאַבל

גראָפּער לייענט אַ נישט־געדרוקטע שטיינבאַרגישע פֿאַבל.
אָמן! הערט מען פּלוצעם איינעם — דאָס איז בערל שנאַבל,
בלויז דער דריטער האָט געשוויגן — איך, דאָס באַסאַראַבל.

נאָך דער פֿאַבל האָט אונדז שנאַבל פֿון די "מילנער־לידער"
אויסנווייניק זיי געלייענט אונדז, גאָר אין גאַנצן אָן אַ סידור,
כ׳וואָלט באַדאַרפֿט זיי הערן ווידער.

טשערנאָוויץ, 1957

אַ פּאָעט אין חלום

ער איז אויפֿן ביכל אַנטשלאָפֿן געוואָרן
און ס'איז אים צו חלום געקומען דאָס ליד
און ער איז אין חלום אַזוי ווײַט פֿאַרפֿאָרן,
נאָך ווײַטער פֿון ליד אויף עטלעכע טריט.

אויף זײַדענעם שפּינוועבס אין זײַדענע זאָקן
ער טאַנצט און סע בליאַסקעט ווי בעטלעריש גאָלד
דער שׂכר אין דער טאָרבע, וואָס הענגט אויף אַ פּלאָקן,
די גאָלדענע טאָרבע, וואָס ער האָט געוואָלט.

דאָס שפּינוועבס צערײַסט זיך, פֿון סאַמע פֿון אויבן,
ער פֿאַלט פֿונעם חלום אויף וואַכיקער ערד.
ער אײַלט צו די פֿענצטער, פֿאַרשרײַבט אויף די שויבן
דעם חלום נאָך איידער פֿאַרגעסן ער ווערט.

דער שילאָוויצער

״שילאָוויץ, מײַן היים,
דו וועסט דורך מיר באַרימט נישט ווערן״ —
אַזוי געזונגען וועגן זיך אַליין
האָט ער און נישט ווי וועגן אַ שטערן.

פֿון זײַנע שורות נאָכגעמאַכט
דער לידער־מאָדע דער נײַער
האָט ווי פֿון אַ פֿרעמדער טיפֿער נאַכט
אַרויסגעשײַנט זײַן אייגן פֿײַער.

נאָר נישט געוווּסט האָט ער דעם סוד
ווי אויפֿצוהאַלטן עס וואָס לענגער
און נישט קיין מלאך, אויך נישט גאָט,
דער אומברחמנותדיקער, שטרענגער,

האָט נישט געהאָלפֿן אים אין דעם
דאָס פֿײַער אויפֿצוהאַלטן
און ס'איז זײַן בילד אַרויס פֿון דעם
און זיך פֿון אַלעמען באַהאַלטן.

דער מיניאַטורן-שרײַבער

מע שמועסט וועגן אים בײַ זײַן לאַנדסמאַן אין הויז —
וישמן — דער בחור, ער טויג זיך אויס,
נאָר מיר איז ער נישט אין די אויגן גרויס,
איך רוף זײַן געשטאַלט פֿון אַמאָל אַרויס:

קליין און דאַר און פֿול מיט צער
פֿאַרן גורל פֿון איינעם אַ העלד, אַ גבֿר,
וואָס האָט זיך געוואָרפֿן אין אַ געפּאַר.

די געפּאַר איז נישט קיין פֿײַער, ניין,
נישט אין ים קיין פֿעלדזנשטיין,
נאָר דאָס לעבלעבע וואַסער פֿון אַ באַסיין.

אין באַסיין איז אַראָפּ אַ קינד. אַלץ איינס,
זײַנס צי אַ פֿרעמדס, אַ קלוגס צי אַ שיינס.
קינדער זענען געראָטן צו מיינסט.

און נישט קיין געראָטנס דאַרף מען אויך
דאָס וואַסער אים אויספּאָמפּען פֿון בויך,
די קינדער זענען אַלע גלײַך.

שטייט דער עולם און גאַפֿט פֿון דער ווײַט
און דער שרײַבער הערט צו זייערע רייד פֿון אַ זײַט —
צי טויגן זיי פֿאַר זײַן אייביקייט,
די דאָזיקע רייד?

דער יונגער סאָנעטן-דיכטער

פֿון מײַנעט װעגן האָט גענומען פֿורעמען סאָנעטן
פּעטראַרקע נאָך מיט אַזױ פֿיל יאָרן פֿריר
און נאָך דעם האָבן גאַנצע דורות פֿון פּאָעטן
צו מיר אַרױפֿגעבױט זײ, צו מיר, צו מיר, צו מיר.

און אַז איך בין אַװעק אין קאָסמישע העט־העטן,
האָב איך צו די גאַלאַקסן מיטגעבראַכט מיט זיך
מײַן רום אין גרױסן דרױסן, אַ גאַנצן קראַנץ סאָנעטן,
אַ קלײנגעגנדיקן נאָמען און אַ גרױסן־גרױסן איך.

און װאָס מיך טרײַבט אַרײַן סײַ דאָ, סײַ דאָרט אין טרױער
און װאָס סע ערגערט מיך און אַלץ, װאָס איך באַדױער —
סע װײסט נאָך נישט דאָס פֿאָלק, װי באַרימט איך בין.

אָט שטײ איך אױף מײַן גאַנעק פֿאַרפֿאַנצערט און פֿאַרקאָװעט
און װאַרט, דאָס פֿאָלק זאָל קומען און קרױנען מיך מיט כּבוד,
װאָס קומט מיר מער פֿון אַלעמען, װאָס איך האָב עס פֿאַרדינט.

דײַן נשמה איז געבױט װי אַ סאָנעט

דײַן נשמה איז געבױט װי אַ סאָנעט,
דער געבײַ פֿון דײַן נשמה איז נישט נײַ.
פֿערצן שורות — צװײ מאָל פֿיר און צװײ מאָל דרײַ
אױסגערײטע װי די ליפּן פֿון סקעלעט.

װי די ליפּן פֿון אַ זקן בלױ און דין
און פֿאַרביטערט װי די זעלנער נאָך אַ זיג,
בעת די הערשערס גרײטן צו אַ נײַעם קריג,
נײַע שחיטות, נײַע אומגליקן אָן זין.

זאָל מײַן װאָרט דיר זײַן װי אַ שטאָפּעט
גרינג צו לײענען און געבױט װי דײַן סאָנעט.
כ׳װיל נישט רײצן דײַנע נערװן, דײַן געשמאַק.

כ'וויל נאָר, אַז דײַן וואָרט זאָל ווי אַ האַק
שאַרפֿן זיך בײַ הוגאָ, בײַ באַלזאַק,
שרעק זיך נישט פֿאַר גיין צוריק, פֿאָעט!

אַ נאָמען אָן אַ ליד

די טויטן זענען אַלע טראַגיש,
ס'איז יעדן צו שטאַרבן באַשערט.
ווען ער איז געשטאָרבן האָבן די טענות
אין גאַנצן אויפֿגעהערט.

ר'האָט אַלע געהאַלטן פֿאַר שונאים,
געמיינט, אַז דאָס ליד דאַרף אַליין
זיך אָנשרײַבן אונטער זײַן נאָמען
און געבן דער וועלט אין די ציין.

עס האָט זיך אַליין נישט געשריבן,
אַליין נישט געמאַכט קיין שריט.
איז ער אַזוי שוין פֿאַרבליבן
אַ נאָמען אָן אַ ליד.

דער נאָמען האָט לאַנג נישט געדויערט,
זיך אויסגעקלונגען און שאַ
און איך האָב אַפֿילו באַדויערט
אַ גורל אַזאַ.

דער נישט-געוואָרענער

צוגעקאָוועט צו דעם קראַנקנבעט
שפּילט ער זיך סאַרקאַסטיש מיט די צרות,
מ'האָט אין בויך בײַ אים אַנטדעקט אַ שטיקל חטא,
דאַרף מען שנײַדן, אויסשנײַדן די סבֿרות.

ס׳איז אַ סבֿרה, אַז בײַ אים אַליין
איז דער מאָגן שטאַרק צעלעכצט געוואָרן
ווי אַ פֿאַס פֿון לאַנג ליידיק שטיין
לאַנגע־לאַנגע זיבן גוטע יאָרן.

אויפֿן וועג צום טיש מיט פען און טינט
איז ער לאַנג געגאַן, געגאַן, געגאַנגען.
אַלע מאָל אַן אַנדער בייזער ווינט
האָט אים נישט געלאָזט די פען דערלאַנגען.

ס׳האָט אַ שטורעם זיך גענומען אַרום אים
דרייען, דרייען און מיט שנייען שיטן,
ס׳האָט זיך אויפֿן ווינט אַביימל יונג און גרין
אויף אַ ווײַסן ווינטערבוים פֿאַרביטן.

וועגן זיך

אין שפּיגל שרײַב איך מיט דער לינקער האַנט,
אין שפּיגל קרימט מײַן אויג מײַן רעכטס אַ ביסל,
נאָר מײַנע קינדער לאַכן נאָך אַנאַנד,
ווי גלײַך צום אויסזען מײַנעם ליגט בײַ זיי דער שליסל.

איך האָב אָבער אַ גוט געהער,
פֿון לינקס אויף רעכטס ווי אַלע פֿעלקער שרײַבן,
און קוק איך נאָר אַראָפּ צום שאָטן אויפֿן דיל,
דערזע איך דעם, וואָס אַלע המנס טרײַבן.

מ. חרץ

ליגט אַ שטיין ווי אַ טרעפּ צו דער שוועל,
לייג איך אַרויף אויף אים מײַן פֿאַרטפֿעל.

לייג איך אַוועק מײַן גאַנץ פֿאַרמעג —
לידער פֿון אַלע נעכט און טעג.

איך אַליין גיי אָפּ אין אַ זײַט,
קוק און זע פֿון דער נאָענטער ווײַט.

ווער סע גייט אַרײַן און אַרויס,
שפּאַנט די לידער אַריבער בלויז.

ווער סע קלאַפּט אין דער טיר און וואַרט,
טרעט אויף די לידער שווער און האַרט.

נעם איך פֿון שטיין אַוועק דעם פּאַרטפּעל,
לייג אים העכער אַוועק, אויף דער שוועל.

און אויפֿן שטיין, אויף זײַן פֿריִערדיק פּלאַץ,
שרײַב איך זיך אונטער — מאיר חרץ.

ווער סע קומט אַצינד צו דער טיר,
טרעט אויף די לידער און אויף מיר.

ווידער וועגן זיך

כ'האָב ווייניק געלייענט און ווייניק געלערנט,
נאָר צרות געהאַט אויף מײַן קאָפּ גענוג.
די נאַכט איז מיליאָניק אויסגעשטערנט
און נאָר אויף מיר איינעם זי קוקט און קוקט.

וואָס לאָזט די נאַכט מיט איר קוקן מיר הערן ?
מײַן לעבן לויפֿט דורך ווי דורך אַ בוך
און לויפֿנדיק טראָגט עס אַ זאַק אַ שווערן —
אַן אוצר, וואָס מײַן מאַמע האָט אים אומגעזוכט.

מײַן מאַמעס טעות אַן צו באַקלערן —
דאָס נעמען מײַן טאַטן פֿאַר אַ מאַן.
אַ טעות איז אויך מײַן געבוירן ווערן,
נאָר איידער זיי זענען זיךביידע צעגאַן.

איז קוק איך אויף זיך נישט איבעריק גערן
ווי אויף אַ נישט־געבעטענעם גאַסט.
נאָר אַנדערש קוקן אויף מיר די שטערן —
דאָס גאָלדענע צירונג, וואָס מיר פּאַסט.

מיט פֿיל יאָרהונדערטער פֿאַר מײַן געבוירן
האָט האַמלעט געפֿרעגט — זײַן צי נישט זײַן?
סע האָבן געוואָרט אויף מיר מײַנע יאָרן
און איך האָב געפֿאָלגט און אין לעבן אַרײַן.

איך וואָלט זיך פֿון לאַנג שוין אויפֿגעגעבן,
נאָר אַנדערש קוקן די שטערן דערויף.
זיי ציטערן, בעטן מיך ווײַטער צו לעבן
און פֿאַל איך, הייבן זיי ווידער מיך אויף.

מײַן אוצר

געקומען זענען מיר אויפֿן פֿאַרהער
נישט אַלע גלײַך באַוואָפֿנטע מיט וויסן.
מײַן מאַמעס גורל איז געווען אַ שטער,
איך זאָל ווי איר פֿון וויסנסבוים געניסן.
אין שול, אין די פֿאַר קלאַסן, אויף דער לער,
האָב איך קיין סך צו וויסן נישט באַוויזן.
מײַן ענטפֿער איז מיר אָנגעקומען שווער,
ס'איז נישט געווען מיט וואָס מיך צו באַגריסן,
איך האָב אָבער געהאַט אַ גוט געהער,
פֿון אײַערע ענטפֿערס כ'האָב געשעפּט מײַן וויסן.

און ערשט דערנאָכדעם איז אַוועק אַ גאַנג,
איר האָט דאָס וויסן נישט באַדאַרפֿט שוין מערער
און איך האָב עס פֿאַרוואַנדלט אין געזאַנג
און איך האָב עס דערקלערט מיר פֿאַר מײַן לערער.
כ'בין אומגעגאַנגען אין די גאַסן לאַנג
און ממש פֿון די הענט פֿון גאַסן־קערער

אַרויסגעריסן כ׳האָב אַן אַלטן באַנד,
וואָס איר האָט אין די הענט פֿונעם צעשטערער
אַוועקגעגעבן מיט אַ לײַכטער האַנט,
ווײַל איר האָט פּלומרשט נישט באַדאַרפֿט אים מערער.

איצט מאָנט איר אײַער רעכט אויפֿן פֿאַרמעג,
וואָס איר האָט אויסגעמעקט פֿונעם זכּרון.
דעם אוצר, וואָס איך האָב אַליין אין וועג
געטראָגן אין די סאַמע שווערסטע יאָרן,
האָב איך געבראַכט פֿאַר מײַנע לעצטע טעג
און כ׳וויל אים אויך פֿאַר מײַנע קינדער שפּאָרן.
אומזיסט איז איצט נאָך מיר אײַער געיעג,
איר וועט שוין ווײַט אַצינדערט נישט פֿאַרפֿאָרן,
ס׳איז מערער שוין נישט אײַערער דער פֿאַרמעג,
וואָס איר האָט אויסגעמעקט פֿונעם זכּרון.

נאָר ער איז נישט פֿאַרשלאָסן אויף קיין שלאָס,
איך האַלט אים אויך נישט אין קיין זאַק באַהאַלטן
און ווער סע וויל קען קומען אינעם גראָז
זיך זעצן דאָ מיט מיר דעם גרויען, אַלטן;
און ווער סע וויל קען קומען אָפֿן, פּראָסט,
זיך זעצן אויף מײַן אויסגעשפּרייטן מאַנטל,
פֿאַררייכערן מיט מיר אַ פּאַפּיראָס
און רעדן ווי מיט זײַנס אַן אַלט־באַקאַנטן —
איך האַלט נישט מײַן פֿאַרמעגן אויף קיין שלאָס,
איך וויל פֿאַר קיינעם גאָרנישט נישט באַהאַלטן.

אויפֿן פֿערד

און איך בין ווידער, ווידער אויפֿן פֿערד,
אַזוי פֿיל מאָל געוועזן שוין אונטער אים,
אַזוי פֿיל מאָל געליגן אויף דער ערד
און אויסגעהערט די בייזוויליקע שטים,
וואָס האָט געזאָגט — אַזוי איז דיר באַשערט.
נאָר איצטער בין איך ווידער אויפֿן פֿערד.

און רײַטנדיק קוק איך נישט אַרויף,
מײַן קאָפּ געבויגן, קוק איך אַלץ אַראָפּ
און קריך אַראָפּ און הייב אַ צווייטן אויף
און טו אים אָן דאָס היטל אויפֿן קאָפּ
און שטויב אים אָפּ די שטרויען פֿון זײַן גוף
און זעץ אים אויף זײַן פֿערד צוריק אַרויף.

און זאָג אים צוויי מאָל אָן: געדענק, געדענק!
נישט איין מאָל, רײַטער, פֿאַלן נאָך דו וועסט,
טאָ זײַ צו די געפֿאַלענע נישט שטרענג,
בשעת דיר דאַכט, דו זיצסט אין זאָטל פֿעסט.
סע טרעפֿט, דו האָסט פֿאַרטראַכט זיך צי פֿאַרבענקט
און גאָר דײַן וועזן אויף אַ האָר שוין הענגט.

און איך בין ווידער אויפֿן פֿערד,
אַזוי פֿיל מאָל געווען שוין אונטער אים,
אַזוי פֿיל מאָל געליגן אויף דער ערד
און אויסגעהערט די בייזווילִיקע שטים,
וואָס האָט געזאָגט — אַזוי איז דיר באַשערט —
נאָר איצטער בין איך ווידער אויפֿן פֿערד.

דער פּרײַז פֿון לידער

כ׳בין אויפֿגעשטאַנען הײַנט פֿאַר טאָג מיט אַ פֿאַרטיק ליד;
צי הייסט עס אַז די לידער מײַנע שרײַב איך ניט?
אַז כ׳האָב זיי פֿאַרטיק און סע קומט מיר נישט דערפֿאַר
קיין הילף נישט, קיין פּאַיאָק און נישט קיין האָנאָראַר?

צי הייסט עס אַז די לידער פֿאַלן פֿון דער סטעליע מיר אַראָפּ,
ווי קנישעס פֿון קאַרטאָפֿל וואָלטן פֿאַלן אויף מײַן קאָפּ?
פֿאַר וואָס זשע אַז איך פּרוּוו זיי שטעלן אויפֿן טיש,
דערזע איך — ס׳איז אַ שטיין איעדער קניש?

און ווינטער, ווען אין דרויסן הייבן אָן זיך פֿרעסט
און ס'קומען אין מײַן אַלטער דירה אַלטע, קאַלטע געסט
און וואַרטן איך זאָל ווײַזן דאָס וואָס איך באַהאַלט —
די קנישעס זענען האַרט, די קנישעס זענען קאַלט.

מײַן פֿרוי הייצט אויס דעם אויוון און שטעלט דעם סאַמאָוואַר
און קנישעס באַקט זי אָן אין אויוון, אינעם זשאַר —
און נישט פֿון מײַנע לידער און נישט פֿאַר זײַער פּרײַז —
פֿאַר לידער צאָלט מען נאָר מיט שטיינער, שטיקער אײַז.

איך קען נישט אַרויס

איך קען נישט אַרויס פֿון פֿאַרכּישופֿטן קרײַז פֿון די לידער,
דער טאָג הייבט מיך אויף און די נאַכט לייגט צוריק מיך אַנידער —
און ווידער דאָס אייגענע לידל און ווידער און ווידער.

איך קען נישט פֿאַרלאָזן דאָס בילד מיט די שאָף און די רינדער,
איך קען נישט פֿאַרלאָזן דאָס הויז מיטן ווײַב און די קינדער —
ווי ס'קען נישט פֿאַרלאָזן דעם שטעקן אַ זקן אַ בלינדער.

מײַן מאַמען פֿאַרלאָזט האָט מײַן טאַטע און געמאַכט אַ טראַגעדיע,
מײַן פֿעטער האָט געמאָלקן אַ באָק און געמאַכט אַ קאָמעדיע —
און איך זוך אַ גראַם כאָטש נאָך איינעם צו קאָמעדיע־טראַגעדיע.

און ווידער דאָס אייגענע לידל און ווידער און ווידער,
דער טאָג הייבט מיך אויף און די נאַכט לייגט צוריק מיך אַנידער —
איך קען נישט אַרויס פֿון פֿאַרכּישופֿטן קרײַז פֿון די לידער.

שיינע לידער קאָסטן טײַער

כ׳ליג אין היץ — אַ העליש פֿײַער,
כ׳רעד פֿון היץ — ״ס׳איז גוט, ס׳איז גוט!״
שיינע לידער קאָסטן טײַער,
הייסע לידער קאָסטן בלוט.

זעסט דעם בוים? דו הערסט זײַן רוישן?
כ׳וואַרף אים צו דעם פֿײַער צו,
זײַנע פֿרוכטן — פֿולע קוישן
ברענען אויך שוין ערגעץ ווו.

ס׳האָט די נאַכט זיך אויסגעצויגן,
שוואַרצע אויגן האָט די נאַכט,
כ׳וואַרף איר פֿאַקלען אין די אויגן
און זי האַלט זיי נישט פֿאַרמאַכט.

פֿונעם רוים, וואָס איז אומענדלער,
פֿאַלן שטערן מיר אַראָפּ.
שטערן פֿאַלן ווי די שפּענדלעך
צו דער שׂרפֿה אין מײַן קאָפּ.

כ׳ליג אין היץ — אַ העליש פֿײַער,
כ׳רעד פֿון היץ: ״ס׳איז גוט, ס׳איז גוט!״
שיינע לידער קאָסטן טײַער,
הייסע לידער קאָסטן בלוט.

די תּפֿילה פֿון פּאָעטן

צינד מיר אָן דעם קאָפּ מיט ווערטער
און זאָל פֿלאַקערן אַ ליד,
ס׳האָט אַ קלאַנג אַ ווײַט-געהערטער
זיך די פֿליגל אָפּגעבריט
בײַ דעם פֿײַער פֿונעם ליד.

צינד מיר אָן דאָס אויג מיט פֿאַרבן
און זאָל אויפֿפֿלאַמען אַ בילד.
ס'האָט אַ קראַנקער ביז צום שטאַרבן
אין אַ טאַנץ געלאָזט זיך ווילד
אינעם רעמל פֿונעם בילד.

צינד מיר אָן אַ וואַלד אין אויער
און זאָל דונערן אַ שלאַכט.
ס'האָט די קיניגין אין טרויער
שיבעה זיך געזעצט בײַ נאַכט
נאָכן זיג און נאָך דער שלאַכט.

צינד מיר אָן דאָס האַרץ, די בלוטן
אין די אָדערן פֿון גוף.
כ'האָב פֿאַרטריבן דעם נישט־גוטן
און געקומען אויף זײַן רוף
מיט מײַן ברענענדיקן גוף.

איצטער וויל איך קניען, בעטן —
צינד נישט מערער אָן קיין זאַך,
ווײַל די תּפֿילה פֿון פּאָעטן
איז אַ זאַך פֿון זייער פּאַך,
צינד נישט מערער אָן קיין זאַך.

ירושלים, אַפּריל, 1979

אַהין

אַהין, אויף יענער זײַט פֿון ענגן קרײַז באַקענטע,
איך וואַרף מײַן ליד ווי איבערן פּלויט אַריבער
און זאָלן זיך נישט חידושן מײַן יאַקל און מײַן יענטע,
וואָס יענע פֿרעמדע זענען הײַנט מיר ליבער.

ווײַל יענע מעסטן נישט מײַן ליד לויט מײַנע אויגן,
און יענע וועגן נישט מײַן וואָרט לויט מײַן גוט־מאָרגן,
ווי ס׳האָבן עס באַקאַנטע שוין געוווינן,
נישט האָבנדיק קיין וויכטיקערע זאָרגן.

און אויב מײַן ליד וועט וועמען נישט געפֿעלן,
ערשט דעמאָלט, אַז סע טויג נישט, וועל איך גלויבן.
דעם לייענער קען מען ווי דעם זעלנער נישט באַפֿעלן,
מע קען אים נישט באַפֿעלן, ער זאָל לויבן.

דערווײַלע קריג איך בריוו און נאָר אַזעלכע,
וואָס כ׳ווײַז זיי אַלע שכנים אומבאַשיידן,
זיי זאָלן אויכעט שרײַבן בריוו, פֿון וועלכע
די ווײַטסטע דיכטערס זאָלן האָבן פֿריידן.

וואָס גייט מיר אָן?

וואָס גייט מיך אָן דאָס ווילדע בלוט
פֿון אומדאַנקבאַרן בייזן שכן,
צי שרײַבט ער שלעכט, צי שרײַבט ער גוט,
צי האָט זײַן ווײַבל וואָס צו קאָכן?

וואָס לעב איך איבער, ווען ער פֿאַלט
און כ׳לייג אים אונטער ווייכע קישן
און זאָרג, עס זאָל נישט זײַן אים קאַלט
און ליכט זאָל שײַנען אויף זײַן טישל?

אַז טאָג ווי נאַכט פֿאַר אים איך זאָרג,
צעשטעל זײַן בילד אויף אַלע ווענט,
עס טרעפֿט אַ מאָל אַ גראַם איך באָרג
בײַ אַנדערע פֿון זײַנעט ווענט.

מיט טינט פֿאַרזאָרג איך אים די פּען
און שרײַב אים צו מײַן בעסטע שורה

און זײַן גאונות כ'אָנערקען
דע פֿאַקטאָ און דע יורע.

איך פֿרעג אַליין זיך: צוליב וואָס
איך דאַרף דאָס בײַטן זיך מיט נעמען,
זיך אויפֿצוניי'ן לויט יענעמס מאָס
און שטענדיק אָנטאָן זיך אויף יענעם?

און ענטפֿער זיך אַליין און זאָג:
ווײַזט אויס, איך דאַרף עס האָבן נייטיק
אויף אים זיך אָנטאָן ווי אַ ראָק
און זיך, זיך אויסטאָן פֿונעם ווייטיק.

ירושלים, 23סטער דעצעמבער, 1981

דו

דיך האָט נישט געזען נאָך קיינער חוץ מיר,
דיך, וואָס איך זע דיך אויף יעדער טיר,
דײַן נאָמען קלינגט אָפּ אין מײַן יעדער וואָרט,
דײַן פּנים שוועבט אום איבער יעדער אָרט,
דו לאַכסט אַרויס פֿון מײַן יעדער שפּאַס,
דו קומסט מיר אַקעגן אויף יעדער גאַס,
דו וויינסט אַרויס פֿון מײַן יעדער געוויין,
און דאַכטן מיר דאַכט, אַז איך בין עס אַליין.

דו און איך

און דו האָסט געהאַלטן אין האַנט אַ שטעקן,
און דו האָסט געפֿירט מיטן לאַנד
און דו האָסט געהאַלטן דאָס לאַנד אין שרעקן
און איך האָב געהאַלטן דײַן האַנט.

און וויפֿל מאָל האָסט אים אויפֿגעהויבן,
דעם שטעקן, און נישט אַראָפּגעלאָזט —
צי האָט מען געוווּסט וועמען צו לויבן
און ווער ס׳איז דער באַלעבאָס?

און וויפֿל מאָל דו האָסט אין גאַנצן
אים נישט גענומען אין דער האַנט,
צי האָט מען געוווּסט וועמען צו קראַנצן,
אין וועמענס האַנט ס׳איז דײַן האַנט?

און אַז מיר האָבן פֿאַרטריבן די שׂונאים,
ביסטו דער העלד, וואָס האָט נישט קיין פּאָר.
אויף אַלע מאַרקעס שײַנט דײַן פּנים
און איך, אין שאָטן, קעם דײַנע האָר.

ירושלים, 17טער מײַ, 1979

שייל אַרויס

שייל אַרויס פֿון דער גוזמא די אמתע גרייס,
וואַרף די שאָלעכץ אַוועק, געפֿין אין יאַריד אַ טרייסט,
שפּרינג נישט, חלילה, אַריבער דעם אלף־בית.

בלײַב אין ראַם פֿון דײַן פֿענצטער אַזוי ווי דו שטייסט.
גוט און קלוג איז נאָר דאָס, וואָס דו זעסט און פֿאַרשטייסט,
פֿרײַ איז נאָר דער, וואָס פֿון גלות איז אויסגעלייזט.

שייל אַרויס פֿון דער גוזמא די אמתע גרייס.

ירושלים, 10טער פֿעברואַר, 1992

ד

איך האָב נישט ליב

איך האָב נישט ליב קיין פּאַטן,
וואָס טרינקען בעסער פון מיר,
איך וועל זיך מיט זיי נישט פּאַרוועטן
אַפילו נישט ביי קיין ביר.

איך האָב נישט ליב די טרינקערס,
וואָס גיסן ביר אין בויך.
איך האָב נישט ליב די זינגערס,
וואָס זינגען אַרויס דעם רויך.

זיי מישן קאַווע מיט בראָנפן
און שפּיִען אויפן דיל
און רעדן פאַרשטעלט און פאַנפען
און טרעף, וואָס אַזעלכער וויל.

ער גלעט אַ מיאוסע נקבה,
די אויגן שיכור און בלינד,
אין קאָפּ צעשפּילן זיך אייוון
אין דר׳היים איז קראַנק אַ קינד.

אָפּט רופט זיך אַזאַ מין חתן:
״געוויסן פונעם דור״.
ער גאַרט נאָכן לוויתן
און וואַרט אויפן שור־הבר.

ער איז געווען

ער איז געווען אַ שוואָם פאַר פאַרגעניגנס
און זיך פאַרטויבט, פאַרשיכורט ביז געוויין.
ער איז געווען אַ קוואַל פון גרויסע ליגנס
צו נאַרן זיך, נאַר זיך אַליין.

און ווען ער האָט לסוף זיך אויסגעניכטערט,
דערזען: צוריקגעפֿאַלן איז דער שוים,
האָט ער זיך צוגעזעצט און האָט געדיכטעט
פֿון דאַמפֿן איבער וואַסערן און אין דאַמף אַ טרוים,

אַ לאַנג פֿאַרגעסענער, נישט געדענקענדיק פֿון ווען —
צי ווען די מאַמע האָט אים נאָך געבאָדן,
צי שפּעטער, ווען ער האָט געהאַלטן שוין אַ פּען
ביים לאָמפּנשיין, ביי צוגעמאַכטע לאָדן.

כּדי די שיין פֿון דרויסן, אַפֿילו פֿון די שטערן
זאָל נישט צעשטערן אים דעם מגדל בבֿל,
וואָס אויפֿגעשטעלט, כּדי געשיצט צו ווערן
און נישט דערטרונקען ווערן פֿונעם מבול.

מיט צוגעמאַכטע אויגן ציט ער מיט די לונגען
אַריין אין זיך די זיסקייט פֿון דער וועלט,
וואָס זיך אַריינגעגנבֿעט און זיך אין הויז צעקלונגען
מיט אַ געבראַכטן וויטן, וויטן, וויטן רוף.

ירושלים, 10טער יוני, 1988

דער ליטעראַרישער דרייער

פֿונעם וויטן עקוועלטיקן בירע־בידזשאַן
ביז צו די באַרג־ייִדן, די טאַטן,
האָט אַרומשפּאַצירט אַ יונגער־מאַן
ווי אין ווייַנגאָרטן ביי זיין טאַטן.

פֿונעם קאַספּישן ים ביזן טייַך פּרוט
און פֿון דאַגעסטאַן ביז די קאַרפּאַטן
ליגן די טריט פֿון זיין לעצטן מאַרשרוט
ווי פֿון גאַנצע דורות סאַלדאַטן.

אין וועג פֿאַרמישט און איבערגעזעצט
טאַטיש מיט ייִדיש און ייִדיש מיט טאַטיש
און "שמשון השני" ווערט הויך געשעצט
דער טאַטישער העלד פֿון העלדישע טאַטן.

געשריבן אויך זכרונות אַ בוך
פֿאַר שלום־עליכמס ברודער
און שטענדיק־שטענדיק יאָלדן געזוכט
צו מאַכן מיט זיי אַ גערודער.

נאָר זײַן פֿאַעמע צו סטאַלין, דעם געץ,
ער האָט נישט געקענט זי פֿאַרברענען
און ווי אַ קראַנקן איר צוגעזעצט
אַן אַנדער נאָמען — וולאַדימיר לענין.

קיין חילוק נישט, דאָס זאָגן מיר,
דאָס איבערבײַטן די נעמען,
נאָר די לײַט פֿון דאָרט האָבן געשפּירט
אַ חילול־השם אין דער פֿאָעמע.

און דאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט זײַן גאַנג
און ווײַטער נישט געגאַנגען.
און דאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט זײַן געזאַנג
און אויס מיט זײַנע געזאַנגען.

דער הימל בלויט נישט

דער הימל בלויט נישט, דער הימל איז בלוי.
די נעכט שטילן נישט, די נעכט זענען שטילע
און מײַן זיידעס תּפֿילהט נישט סתּם אַזוי,
מײַן זיידע טוט תּפֿילה.

איך פֿריי זיך באמת, ווען די ערד גרינט,
ווען די פֿייגל זינגען און צווײַגן זיך וויגן,

די ביימער רוישן, ווען דאָס טײַכל רינט
און זיי גיסן צונויף זיך אין איין איינציקן ניגון.

און כ׳ערגער זיך נאָר, ווען דער דרויסן ווערט גרוי
און ווען דער זומער נייגט זיך צו נעילה.
מײַן זיידע תּפֿילהט נישט סתּם אַזוי,
מײַן זיידע טוט תּפֿילה.

די גאַנצע וועלט לאַכט

די גאַנצע וועלט לאַכט פֿון כעלעם
און כעלעם לאַכט פֿון מאַרקולעשט
און לאַכט די לעצטע, ווײַל פֿון קיינעם,
פֿון קיינעם לאַכט נישט מאַרקולעשט.

ס׳איז מאַרקולעשט אַ באַסאַראַבער,
אַ שטעטל מיט אַ הימל, זון
און נאָר אַ כעלעמער אַ שרײַבער
פֿאַרגינט זיך לאַכן פֿון דערפֿון.

געווען אַ מאָל אַזאַ מין שטעטל,
געווען אַ מאָל און מער נישטאָ,
נאָר גאָט, מײַן גאָט, אין זעלבן צעטל
געוועזענע איז כעלעם דאָ
פֿאַרשריבן, אַז ס׳איז אויך נישטאָ.

אַ גאַנצע וועלט לאַכט פֿון כעלעם
און כעלעם לאַכט פֿון מאַרקולעשט
און לאַכט די לעצטע, ווײַל פֿון קיינעם,
פֿון קיינעם לאַכט נישט מאַרקולעשט.

ירושלים, 11טער מאַרץ, 1990, פּורים תש״ן

אויף אַ שרײַבער-פֿאַרזאַמלונג

דער זאַל איז פֿול, אַן עולם שרײַבער
מיט פּנימער פֿאַרשידענע
און אָט איז איינער מיט אַ פּנים פֿון אַן אָקסן-טרײַבער
און אָט איז איינער מיט אַ פּנים פֿון אַ ייִדענע.

דער זאַל איז פֿול. און איינער לאָזט דעם צווייטן
נישט אויסרעדן קיין וואָרט. עס איז אַן ענגעניש
פֿון ווערטער און פֿון מינעס קרומע אויסגעדרייטע,
וואָס חלשן נאָר לופֿט ווי אין געפֿענקעניש.

דער זאַל איז פֿול, נאָר יעדער האָט פֿאַרגעסן
דאָס שטיקל וועלט זײַנס און דאָס האַרץ זײַנס ציטערן
אַליין אין דר׳היים. ער זוכט עס אין זײַן טעשל
מיט בלעטלעך מיט באַשריבענע, מיט שטימונגען מיט ביטערע.

דער לידער-שמידער

זײַן ליד איז געשמידט געוואָרן נישט פּראָסט,
ער האָט עס אַנגלײַען פֿרײַער געלאָזט
און אַז ס׳איז געוואָרן רויט גענוג,
האָט ער עס באַטראַכט מיט זײַן הייסן קוק,
דערנאָך גענומען דעם האַמער אין האַנט
און פֿונקען געשפּריצט אויף סטעליע און וואַנט.

און אַז דאָס ליד איז אַרויס אויפֿן לאַנד
בײַם שײַן פֿון דער זון האָט דאָס ליד זיך דערמאַנט,
אַז דאָרט אין דער קוזניע איז שענער געוועז,
אַז דאָרט האָט זיך בעסער די רויטקייט געזען,
אַז דאָרט אין דער טונקל האָט יעדער פֿונק
געשפּריצט מיט געזאַנג פֿונעם שמידערס צונג.

דער עקשן

האַרבקייט, האַרטקייט, אײַנגעשפּאַרטקייט,
ס׳איז פֿאַרקרעמפּעוועט מײַן פֿויסט.
כ׳האָב אַזאַ אַהער געבראַכט אים,
כ׳לאָז קיין פֿינגער נישט אַרויס.

ס׳איז די זעלבע צײַט, וואָס נעכטן,
אייערנעכטן, יענע וואָר,
כ׳בין אַרויס פֿון די געפֿעכטן
און אַרײַן, דאָס זעט איר דאָך.

כ׳שווים אין שלאַכט און לייג די קלאַפּטער
מיטן פֿויסט מײַנעם אויך הײַנט,
כ׳האָב זיך אײַנגעקויפּט שוין מפּטיר
בײַ די סאַמע בעסטע פֿרײַנד.

און איך ענדער נישט מײַן טבֿע,
און איך בײַט אויך נישט מײַן הויט,
און איך שיט אויך זאַלץ און פּעפּער
אויף מײַן אײגן שטיקל ברויט.

און איך קריץ די ציין בײַם קײַען,
שלינג און זינג מיר מײַן געזאַנג
און איך האַלט אין איין באַפֿרײַען
די באַפֿרײַטע שוין פֿון לאַנג.

און צום טײַוול אַלע געטער,
גאָט איז איינער אויף דער וועלט,
כ׳וויל נישט וויסן, ווען איך קלעטער,
ווער דעם לייטער ס׳האָט געשטעלט.

ווער עס האָט אים צוגעפּעסטיקט
צו דעם הימלשפּיץ פֿאַר טאָג
און די ערד מיט אים באַלעסטיקט
אויסצוהאַלטן אַזאַ וואָג.

פֿונעם ברויט אויפֿן טיש

צעשטרעקט אויפֿן האַלץ,
די הענט צעשפּרייט,
פֿון גלאַנציקן שטאָלץ
איז דער קאָפּ דיר פֿאַרדרייט.

דאָס האָלץ, וואָס האַרט
געווען איז אַ מאָל,
איז ווייך היינט און צאַרט
ווי דאָס גראָז אין טאָל.

און סע שלאָפֿט זיך גוט,
ווען די וואַך איז צעשטעלט
און מע דאַרף נישט קיין מוט
צו זיין אַ העלד.

ס'איז ריף שוין דער ווייץ,
דאָס פֿעלד — דאָ נישט ווייט,
קריך אַראָפּ פֿונעם קרייץ
צום שניט אין דער צייט.

קריך אַראָפּ פֿונעם קרייץ,
גענוג שוין גערוט,
גענוג שוין גערייצט
דעם שניטערס בלוט.

דעם שניידמעסערס קלאַנג
אין דער צייט פֿונעם שניט,
דעם שניטערס געזאַנג,
זיין פֿאַרהאָרעוועט ליד.

וועט דיך ברענגען צום טיש
פֿון ערלעכן ברויט,
אין שווייס פֿון געזיכט
וועסטו היילן דיין הויט.

און די ווונדן אין לײַב
פֿון די הענט און פֿיס,
ווערסט געבוירן אויף ס׳נײַ
מיטן ערשטן ביס
פֿונעם ברויט אויפֿן טיש.

ירושלים, 1טער יולי, 1988

איך בין דײַן מזלדיקער שטערן

איך בין דײַן מזלדיקער שטערן, בין דײַן גליק,
וואָס האָט אַראָפּגעלויכטן אויף דײַן וויג.

באַגלייט דיך און באַשיצט זינט דײַנע ערשטע טריט,
מיט שטערנשײַן באַשיט דעם בויגן מיט דײַן ליד.

און צוגעלייגט אַ פֿלייצע צו דײַן פֿור,
פֿון דײַנע רעדער אָפּגעווישט מײַן שפּור.

אַרויפֿגעשטעלט זיי אויף די שינעס פֿון דער באַן
און אָנגעדרייט דעם זייגער אויף דײַן האַנט

און אָנגעשטעלט די שעה צו דער מינוט,
אַז אויפֿשטיין זאָלסטו פֿון געלעגער אויסגערוט,

וואָס איך האָב אַזוי וויַיך דיר אויסגעבעט,
וואָס איך האָב אַזוי ווײַס דיר אויסגעגלעט.

געשטעלט זיך ווי אַ שומר בײַ דײַן טיר,
אַרײַנגעכאַפּט די פֿײַלן קעגן דיר.

און איידער נאָך ביסט אויסגעוואַקסן, זעסטו נישט, פֿאַרקוקט
די אַקסל, וועלכע האַלטן אויס דײַן שוימענדיקן וווּקס,

וואָס פֿאַלט צוריק בײַם ערשטן מינדסטן ריר,
בײַם לאָזן לענגער שטיין אַ קופּל ביר.

איך בין דײַן מזלדיקער שטערן, בין דײַן פֿרײַנד,
וואָס עפֿנט דיר די אויגן און וואָס שײַנט

אַראָפּ אויף אַלע טרעפּ ביז צום ערשטן ליד,
צו וועלכן מע קערט זיך אום בײַם קומען פֿון יאַריד.

„צי בין איך שוין דער לעצטער?"

„צי בין איך שוין דער לעצטער פֿון די זינגער?" —
האָט איינער זיך געפֿרעגט און זיך דערפֿרייט,
די רינגען פֿון דער קייט געציילט אויף זײַנע פֿינגער
און זיך אַליין — דעם לעצטן רינג אין קייט.

„צי בין איך שוין דער לעצטער פֿון די זינגער?"
האָט איינער זיך געפֿרעגט און עס באַגערט,
כּדי ער זאָל זיך פֿאַרגעדענקען גרינגער
פֿון אַנדערע, וואָס זינגען אויף דער ערד.

אַ צווייטער האָט געשטעלט זיך ווײַטער שמידן
די קייט די גאָלדענע, נישטאָ קיין לעצטער רינג,
נישטאָ קיין לעצטער זינגער בײַ די ייִדן
און ווער סע קען נאָר זינגען, זינגען, זינגען, זינגט.

ער וויל נישט זײַן קיין ערשטער און קיין לעצטער,
מע הערט זײַן ליד אַרויס אויך פֿון דער מיט.
מעג אויך דער סאַמע לעצטער הויכגעשעצטער
פֿאַרענדיקן דאָס סאַמע לעצטע ליד.

און זאָל ער זיך נישט קרימען אויפֿן שפּיגל,
וואָס שפּיגלט נישט ווי אים האָט זיך געוואָלט,
וואָס שפּיגלט אים נישט מיט צעשפּרייטע פֿליגל
און אײַנגעטונקענע אין שקיעה־גאָלד.

און זאָל ער זיך נישט קרימען אויפֿן שפּיגל,
נישט בייז זײַן, ווען דער שפּיגל קרימט אים נאָך,
אַ מענטש אַקעגן וואָלט מערער פֿונעם שפּיגל
געקרימט זיך, ווי פֿון ווײַטיק, פֿון אַ בייזן שטאָך.

ער האָט דאָך אָנגערירט גראָד יענע ערטער,
וואָס טוען ווי, דאָס ווייטיקדיקסטע אָרט,
אַרומגעדעקט מיט אַזוי פֿיל ווערטער,
אַז קיינער וויל נישט גלייבן מער זײַן וואָרט.

„צי בין איך שוין דער לעצטער פֿון די זינגער?"
האָט איינער זיך געפֿרעגט און עס באַגערט,
כּדי ער זאָל זיך פֿאַרגעדענקען גרינגער
פֿון אַנדערע, וואָס זינגען אויף דער ערד.

איך האָב געמיינט

איך האָב געמיינט, אַז מיט דײַן ליד
וועסטו מיך אויסלייזן פֿון מײַנעם,
און מיט אַן אויפֿגעהעלט געמיט
וועט קעגן דיר מײַן פּנים שײַנען.

איך האָב געמיינט, אַז מיט דײַן וואָרט
וועסטו פֿון אָרט מזלות רירן,
וועט מזלדיקער זײַן מײַן קאָרט
און איך וועל אויפֿהערן פֿאַרלירן.

איך האָב געמיינט, נאָר האָב דערזען
בײַ דיר די זעלבע וויסטע קאָרטן
און מיט דײַן צײַנדלדיקער פּען
האָסטו צעשטערט דעם גאַנצן גאָרטן.

איך האָב געמיינט.

דער בייזער גײַסט

זײַן חומר — שפּיציקע פֿעלדזן גראַניטענע,
זײַן גײַסט איז אַ לשון פֿון ווערטער צעשניטענע,
זײַן פֿרייד — אַ יאַריד פֿון פֿאַרבן פֿאַרביטענע
און זאַלץ, וואָס שיט זיך אויף הערצער געליטענע.

זײַן גאַנג ווישט אָפּ שפּורן פֿון גאָט אויסגעטראָטענע,
זײַן טראָט ווי אַ שטיין אויף קערנער צעשאָטענע,
זײַן קומען — אַ פּחד פֿאַר פֿרוכטן געראָטענע,
וואָס ער דערקלערט זיי פֿאַר פֿרוכטן פֿאַרבאָטענע.

זײַן רום איז אַ כאָר פֿון לויבערס געדונגענע,
זײַן גלאַנץ איז ווי שפּליטערס פֿון בעכערס צעשפּרונגענע,
צעפּלאַצטע געפֿילן היסטעריש צעקלונגענע
און ווײ טוען ווײ אים לידער געזונגענע.

ירושלים, מאַרץ, 1979

דער אַלטער דיכטער איז פֿאַרטאָן

דער אַלטער דיכטער איז פֿאַרטאָן אין שרײַבן
פּאָעמעס לאַנגע פֿאַר זײַנע נעכטיקע לייענער.
ער לאָזט זיך פֿון שורות פֿון ברייטע טרײַבן
צום גרויסן לייענזאַל, וווּ סע זיצט נישט קיינער.

אין גרויסן לייענזאַל פֿונעם ליכטיקן גן־עדן —
אויף טישן ליגן ביכער מיט גאָלד־געדרוקטע נעמען
און שטיל איז דאָרט נישט נאָר, ווײַל מע טאָר דאָ נישט ריידן,
נאָר ווײַל ריידן האָט דאָ נישט ווער צו ווען.

אין גרויסן לייענזאַל זאַמלען צונויף זיך זקנים
מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיט טויבע אויערן,
מע לייענט אין דמיון באַזונדער און אין איינעם
פֿון פֿולע ביכער — די פֿריידן און די טרויערן.

ירושלים, 27סטער אָקטאָבער, 1988

דאָס ליד פֿון אַ געוועזענעם פּאָעט

ער איז אַ מאָל געוועזן אַ פּאָעט,
ער האָט אַ מאָל די וואָלקנדלער געגלעט
און מיט די שטערן דורך דער שויב גערעדט.

ער איז אַ מאָל געווען אַ יונגער־מאַן,
ער איז געווען, ווי זאָגט מען עס, אַ פֿלאַם
און ווי אין גאָט געגלייבט אין יעדער גראַם.

הײַנט איז ער אַלט, הײַנט איז ער קראַנק און מיד,
הײַנט דרייט ער מיט דער נאָז אויף יעדער ליד
און האָט נישט ליב דעם פֿויגל, ווײַל ער פֿליט.

ער האָט נישט ליב דאָס פֿײַער, ווײַל סע בריט,
ער האָט נישט ליב די ליבע, ווײַל זי ציט
און ליב דאָס לעבן האָט ער אויכעט ניט.

אַ. ווערגעליס

גיי אַרויס פֿון דײַן צעלט,
קום אַרײַן אין מײַן וועלט,
פֿאַל אַראָפּ אויף מײַן הימל, פֿלי אַרויף צו מײַן ערד
און כאַפּ דאָרט אַ דרימל אויף אַ ווייכער שווערד.
בינד אָן מיר אַ וואָלקן אין דער פֿינצטער בײַ טאָג,
נעם, פֿיל אָן מיט וואַסער דאָס מויל דײַנס און זאָג,
זאָג מיר נאָך וואָרט בײַ וואָרט
אין דער הײַנטיקער צײַט
אויפֿן נעכטיקן אָרט:

"דער שניי פֿון סוכומי
שיט אין מיר,
די טיי פֿון סיביר
בליט אין מיר,

אין טאָג פֿון אָפֿענע הערצער
איז שטרענג פֿאַרמאַכט מײַן טיר
מיט אַן אויפֿשריפֿט אויף איר:
"פֿון דרײַ ביז פֿיר",
דער רעדאַקטער איז שטאַרקער
פֿון דיכטער אין מיר,
איך אַליין בלײַב שטיין
מיט אַ ליד בײַ מײַן טיר —
אַרײַנגיין צי ניין?
כ'וואַרף אַוועק דאָס פּאַפּיר —
אין דר'ערד דאָס געדיכט!
און פֿליכט איז פֿליכט.
אַ מוזיקער הייבט עס אויף פֿונעם דיל,
פֿאַרוויגט עס הכנעהדיק און שטיל
און מיר ווערט אויך אַ שאָד מײַן וואָרט —
ס'איז אַן אייגנס פֿאָרט.
מײַנע לײַט פֿאַרשטייען מיך אויפֿן קוק
און שיקן מײַן ליד מיט די נאָטן צום דרוק.

פֿאָרטרעט פֿון דניאל שיידבערג

די געלע בלעטער אויף זײַן פּנים
אוין ווינטער ווערן נישט פֿאַרשנייט,
נאָר ס'איז אים גרינגער צו דערקאָנען
לויט זײַנע ציין, לויט זייערע רייד.

ווײַל ברילן טראָגן אַנדערע אויכעט,
אַ ברוינעם פעלץ טראָגט אויך אַ בער,
נאָר מיט אַזאַ מין פעלץ אַ ברוינעם
אין גיהנום אומצוגיין איז שווער.

און ער שלינגט קוילן גלײַך פֿון אויוון
און וואַרגט זיך, היקעט, אָטעמט קוים
און שרײַט: זיי פֿאַלן מיר פֿון אויבן
ווי עפּל פֿון גן־עדן־בוים.

איז זאָלן זיי אים ווויל באַקומען
און טראָגן זאָל ער זיי אין האַלדז
און בראָנפֿן צוגיסן צום גומען
און צושמעלצן מיט חזיר־שמאַלץ.

די געלע בלעטער אויף זײַן פּנים
אויך ווינטער ווערן נישט פֿאַרשנייט,
מע קאָן אָן זיי אים אויך דערקאָנען
לויט זײַנע פֿאַלשע שוואַרצע רייד.

אין טאָג פֿון אָפֿענע הערצער

אין טאָג פֿון דײַנע „אָפֿענע הערצער"
דו שטייסט בײַ דײַן אייגענעם האַרץ
אַזוי ווי אָן אָרעמאַן בײַ אַ פֿענצטער,
וואָס וואַרט אויף אַ שטיקל ברויט אַ שוואַרצס

איך ווייס, אַז ברויט האָסטו תּמיד מערער
אויך דעמאָלט ווען אַנדערע האָבן עס ניט.
דורכן קוימען אַפֿילו ווי אַ קוימען־קערער
דו קאָנסט נישט אַרײַנקומען דערמיט.

אין טאָג פֿון דײַנע „אָפֿענע הערצער"
וואָס דו אַליין האָסט געמאָלדן אַ מאָל,
דו שטייסט בײַ דײַן האַרץ אַן אָנגעפּעלצטער
מיט בילבול און היקעוואַטן קול.

פֿון מסור קאָן מען זיך פֿאַרהיטן,
מע שווײַגט, ווען ער האַלט בײַ דער טיר אַן אויער.
פֿון בילבול אָבער ווערט מען פֿאַרשניטן
אַפֿילו, ווען מע פֿאַרשליסט דעם טויער.

דער בילבול, אַז בייליס זאָל האָבן געקוילעט
און געניצט דאָס בלוט פֿון אַ רוסיש קינד,
דער בילבול קעגן יידישע דאָקטוירים
און דײַנע בילבולים פֿון אַצינד.

זיי קומען אין טאָג פֿון אַפּענע הערצער,
וואָס ווערן פֿאַרקלעמט פֿון דײַן געזאַנג.
די הערצער בעטן: עפֿנט די פֿענצטער
און זאָל כאָטש אַרויסגיין דאָס געשטאַנק.

ירושלים, מאַרץ, 1979

פֿאַרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַ קאַמער-זינגער

כ׳קוק אין שויב אָן טינט און פֿעדער,
כ׳זינג צום טאַקט פֿון מענטשנס גאַנג.
מענטשן גייען און אַיעדער
וויל אַרײַן אין מײַן געזאַנג.

מענטשן גייען און זיי קוקן,
צי איך זע זיי, ווען איך זינג,
איינער שטעלט זיך מיטן רוקן
און ער שטעלט מיר אַ באַדינג,

אַז ער וועט זיך נישט באַווײַזן
מיט זײַן פּנים פֿאַר מײַן ליד,
ביז מײַן שטים וועט נישט ווי אײַזן
קלינגען ווי סע קלינגט בײַם שמיד.

ווי סע קלינגט בײַם שמיד דער האַמער
איבער אָנגעגליטער האַק.
וואָס זשע טוט מען, כ׳ביז אַ קאַמער-
זינגער אין אַ שוואַרצן פֿראַק.

איך פֿאַרהענג די שויב, מאַך פֿינצטער,
צינד אַ לאָמפּ אָן ווי בײַ נאַכט,
נאָר אויף יענער זײַט פֿון פֿענצטער
הער איך ווי די זונשײַן לאַכט.

דער סאַטיריקער

מוטיק האָט ער אומשפּאַצירט בײַ זיך אַרום זײַן טיש
מיט דער פּען ווי מיט אַ שווערד געפּאַכט ווי אויף אַ שלאַכט,
זײַנע "העלדן" האָט אַרומגעכאַפּט אַ ציטערניש,
האָט ער אײנציקווײַז געשטראָפט זײ, בײַסיק אויסגעלאַכט.

שטיקער פֿלייש פֿון זײ געשניטן און געקריצט די ציין,
פֿאַר דער חניפֿה זײ געשמיסן אין זײַן שטרענגן ווערק,
זײ געצייכנט אַ ן רחמנות, שטעכיק און אַליין
מיט זײַן פֿאַרטיק ווערק אַוועק ער אין די בערג.

צו די הייכן, צום... רעדאַקטאָר אויפֿן העכסטן שטאָק
און געוואָרט דאָרט אומגעדולדיק און געוואָרן מיד,
ביז מע האָט אים עס צו דרוקן אָפּגעזאָגט,
האָט ער זיך צעווײנט, געקלאָגט, געחנפֿעט און געקניט.

איך אַליין גיי אויך אַהין צו מיטן דאָזיקן ליד.

ער אַרבעט איבער זיך

ער אַרבעט איבער זיך ווי איבער אַ סקולפּטור,
ער טאָקט דעם גוף און שניצט אים, פּײַלט אים, שלײַפֿט
און קוקט אין שפּיגל אויף זײַן קרעאַטור,
וואָס האָט זיך ווי אַן עפּל אויסגערײַפֿט
און ווי אַ שלאַנקער שטאַם זיך אָנגעשטײַפֿט.

דײַן ליד

דײַן ליד — אַ רײַכער טיש מיט פֿרוכטן און מיט פֿאַרבן,
דאָס בילד בײַ דיר — מיט אַלע פֿינטעלער און קנייטשעלער
און קאַרבן,

דו אַרבעטסט פּרוּער אויף דער פּאַרעם פֿון די מאָדעלן,
און אויב עפּעס געפֿעלט דיר נישט, דו טוסט עס איבערשטעלן.
דו דרייסט אַן עפּל אויס, דו שטעלסט אַ פֿלעשל איבער,
דערנאָך ערשט לאָזסטו זיך זיי געבן לשון, דיבור.
און איך — מײַן ליד איז אָרעמער אַ סך,
איך פּוץ נישט און איך ענדער נישט קיין זאַך,
כ'האָב ליב דעם גראָען וועג, דעם טײַך, דאָס פֿעלד
און אַלצדינג, וואָס איז איין מאָל און אויף לאַנג אַוועקגעשטעלט
און אויב מע ברייטערט און מע שטיינערט אויס דעם וועג,
און אויב מע פֿירט דעם טײַך פֿון אַלטן ברעג אַוועק,
איך שטעל זיך אויפֿן פּלויט פֿון אונדזער הויף אַרויף
און וואַרט, ביז וואַנען טײַך און וועגן וואַקסן זיך צונויף.

דײַנע שורות

דײַנע שורות שנײַדן אין די אויגן,
טו איך אָן מיר אַ פּאָר זונען־ברילן.
וואָלט געווען אין זיי אַ רעגן־בויגן
וואָלט איך אינעם בלאָ געקאָנט זיך שטילן,
פֿונעם רויטן פֿײַער אינעם בלאָ זיך קילן.

דײַנע שורות רײַסן אויף מײַן אויער
און זיי שרײַען איבער מײַנע נויטן.
וואָלט אין זיי געווען אַ טראָפּן טרויער,
וואָלטן נישט געפּלאַצט די זיבן הויטן
אויף מײַן לײַב מיט ברענענדיקע קנויטן.

דײַנע שורות בליצן אין די טאַצן,
אַז עס קאָן די גאַל, חלילה, פּלאַצן.

די ווערטער — איינס צום אַנדערן

זי ווערטער — איינס צום אַנדערן קאַלט
און צונויפֿגעבונדענע מיט געוואַלט.

די שורות — איינס מיטן אַנדערן פֿרעמד
פֿאַרקליידטע, פֿאַרפּעלצטע און דאַך פֿאַרשעמט

ווי נאַקעטע צווישן פֿרעמדע לײַט.
דער קלאַנג איז דאָ, דער באַטײַט ערגעץ ווײַט.

דער פֿאָדעם, וואָס ציט זיך קרום און פֿאַרדרייט,
האָט אַלע ווערטער אויף שטום פֿאַרנייט

און וויל שוין אַ וואָרט נישט בלײַבן שטום,
צעשרײַט עס זיך ווי אַ היסטערישער בעל־מום.

ירושלים, אַפּריל, 1979

***

האָסט זיך ריין געמאַכט דאָס קול
און אַ הספּד אָנגעשריבן,
כ'האָב געגוסטס זיבן מאָל,
אויפֿן אַכטן דאָך געבליבן.

האָסטו זיך אויף מיר געקלאָגט,
וואָס איך האָב דעם טויט געמיטן
און דעם סדר פֿונעם טאָג
דיר צעשטערט אין סאַמע מיטן.

אָבער ווען דאָס איז געשען,
אויף אַן אמת כ'בין געשטאָרבן,
האָט דיך קיינער נישט געזען —
צוויי מאָל ברענגט מען נישט קיין קרבן.

ירושלים, 11טער פֿעברואַר, 1989

היט נישט אָפּ

היט נישט אָפּ דײַן נאָמען,
היט די מעשׂים אָפּ,
וועסטו בײַ מיר קאָנען
נעמען וואָס איך האָב.

איך פֿאַרמאָג אַ הימל
מיט אַ הימלבעט,
כאַפּ אַ לאַנגן דרימל,
מעג אויך זײַן ביז שפּעט.

איך פֿאַרמאָג אויך סקלאַדן,
שטרעק דײַן האַנט און נעם,
היט זיך נאָר פֿון שאָדן,
היט נישט אָפּ דײַן שם.

זע, די גענעראַלן
מיט די לאָרבערקרענץ,
זייערע מעדאַלן,
זייער דאָס און יענץ.

זיי — די ערשטע שורה,
זייער רום און רוט,
זייער מוט און גבֿורה
אײַנגעטונקט אין בלוט.

היט נישט אָפּ דײַן נאָמען,
היט די מעשׂים אָפּ,
אַז איך זאָל דיר קאָנען
געבן וואָס איך האָב.

ירושלים, 4טער יוני, 1989

וואָס וועט זײַן?

וואָס וועט זײַן מיט די דאָרפֿישע לידער,
מיט די רוסישע לידער בײַם קאָסיען היי —
סע קאָסיעט דאָס היי זיך אָן די שניטער,
וואָס פֿלעגן בײַם קאָסיען זינגען זיי.

וואָס וועט זײַן מיט די שנײַדער־געזאַנגען —
ס'איז אונטערגעגאַנגען דאָס האַנטגעניי
און דערמיט זענען אונטערגעגאַנגען
אויך די געזאַנגען ווײ מיר, וויי.

וואָס וועט זײַן מיט די סערענאַדעס,
מיט די גיטאַרעס און ליבעבריוו —
די ליבעלידער און די סטראַדאַניעס
ליגן אין סקלאַדעס, אין אַרכיוו.

וואָס וועט זײַן?

***

ווען כ'האָב אין טשערנאָוויץ געחלומט וועגן תּל־אביב,
האָב איך דערבײַ געטראַכט — עס איז אַיעדער חלום סוביעקטיוו
און אַנדערש ווי אין לעבן אויף דער וואָר.
נאָר ווען איך האָב אין לייוויק־הויז דערהערט אַ ייִדיש וואָרט,
אַ היימיש ייִדיש וואָרט געבראַכט אַהער פֿון דאָרט,
האָב איך דערפֿילט, ווי זאָגט מען, אינסטינקטיוו,
ווי אָפֿט אַ חלום קען זײַן אָביעקטיוו.

ירושלים, 29סטער דעצעמבער, 1991

ווער סע וויל נאַר

ווער סע וויל נאַר, קאָן ער זײַן אַ גאָון,
אָבער נישט קיין ווילנער, בשום־אופֿן.
יעדער האָט אַ זכות אויף זײַן שגעון,
נאָר דעם נאָמען ווילנער קאָן מען זיך נישט קויפֿן.

יעדער גוי, וואָס וויל עס, וועט מען אים נישט שטערן
זיך מגייר זײַן לויט דער הלכה,
אָבער נישט אַיעדער קאָן אַ ווילנער ווערן,
כ'ווייס עס פֿון מײַן ווילנער שטאָלצן שכן.

און אַ ווילנער, אויב ער האַלט אַ פֿעדער
נאָך דערצו, אַ מומחה איז אויף לשון
און דאָס לשון גייט בײַ אים אויף רעדער
און די רעדער גייען אין קאַלאַשן.

זאַט מיט יאָרן

זאַט מיט יאָרן און מיט לידער
ווערט ער זאַטער, ווערט ער מידער,
ביז ער פֿאַלט אַנידער.

דעקט מען אים די אויגן איבער,
די צעצונדענע אין פֿיבער,
די פֿאַרלאָשענע אין פֿיבער
און מע לאָזט זיי ליבערשט איבער.

דעקן זיי זיך אָפּ, ווען קיינער
איז נישטאָ און ער איז איינער,
דעקן זיי זיך אָפּ און ווידער
זיצט ער איבער זײַנע לידער,
נײַע לידער.

ירושלים, 2טער אַפּריל, 1990

זײַן ליד

זײַן ליד איז ווי מיט גלאָזפּאַפּיר געפּוצט, געשליפֿט,
זײַן ליד איז ווי אין קראָכמאַל אָנגעשטײַפֿט,
נאָר אינעווייניק גרין, נישט אויסגערײַפֿט,

ס׳איז קיינער נישט אַזוי פֿאַרמאַכט אין זיך ווי ער,
און ס׳דאַכט, ער טראָגט אין זיך ווי אין אַ שטײַג אַ יונגן בער.
וואָס קאָן אַיעדער אויגנבליק אַ שנײַד טאָן דאָס געהער.

און דאָס וועט זײַן אַ שאַרפֿער טיפֿער שניט.
זײַן אמתע, זײַן ערשטע עכטע ליד.

צי וועט איר?

צי וועט איר טאַקע קענען לעבן אָנעם ייִדיש־לשון
און וואָס וועט זײַן עס פֿאַר אַ לעבן, ווען אַ צײַט אַזאַ וועט קומען
אָן גוט־יאָר אויף אַ גוט־מאָרגן, אָן אַ וואָרט פֿאַר אײַערע יורשים
עס אָפּצוהיטן אויף די ליפּן, אויף די ציין און צונג און גומען?

ירושלים, 2טער פֿעברואַר, 1992

רעצענזיע

צו זײַן פּערז דעם ברייטן
פֿעלט אַ ביסל העזה
ברייטער זיך צעשפּרייטן
און צו ווערן פּראָזע.

צו זײַן ברייטער שורה
פֿעלט אַ האַלבער פֿינגער
צו באַקומען גבֿורה
ווי אַ באַס, אַ זינגער.

צו זײַן וואָרט דעם שווערן
פֿעלט אַ לויט נאָך איינער
ווײַטער זיך צו הערן,
ווו סע גרייכט נישט קיינער.

צו זײַן פֿערז דעם ברייטן,
צו זײַן ברייטער שורה
פֿעלט זײַן וואָרט דעם שווערן
נאָך איין טראָפּן גבֿורה.

ירושלים, 25סטער מאַרץ, 1987

קאָלאָריט

מע הערט זײַנע ווערטער אין קלאַנג,
סײַ ווען ער שעפּטשעט, סײַ ווען ער שרײַט,
נאָר מ׳זעט זיי נישט אין געדאַנק,
נישט נאָענט און נישט אין דער ווײַט.

מע הערט זײַנע ווערטער אין קלאַנג,
מע גלייבט נישט אין דעם, וואָס מע הערט.
ווען דאָס וואָלט געווען געזאַנג,
מע וואָלט אויך געזען וואָס מע הערט.

ווײַל יעדעס וואָרט איז אַ ליד
און יעדעס ליד — אַ קאָנצערט.
בײַם זאָגן עס מיט קאָלאָריט,
זעט מען דאָס, וואָס מע הערט.

ירושלים, 29סטן יאַנואַר, 1991

אָנגעשאַרפֿטע ווערטער

אָנגעשאַרפֿטע ווערטער ווי חלפֿים,
אָנגעצילטע קללה ווי אַ קויל.
גאָטעניו, מײַן גאָלדענער, נישט שטראָף אים
פֿאַר די נאַרישקייטן פֿון זײַן מויל.

גאָטעניו, מײַן גוטינקער, נישט צאָל אים
פֿאַר די ווילדע מעשׂים, וואָס ער טוט.
רייצנדיקע שלאַנגען פֿון זײַן חלום
האָבן אים פֿאַרסמט דאָס יונגע בלוט.

רייצנדיקע שלענגלדיקע שלאַנגען
און געשטרײַפֿטע טיגערס אין געלאַף,
זיבן מאָל איז דאָך דײַן זון פֿאַרגאַנגען
אין דער ערשטער וואָך פֿון וועלטבאַשאַף.

און פֿון דעמאָלט זאַמלען זיך די שקיעות,
ביז זיי פּלאַצן אין דײַן ענגן רוים,
שפּריצט מיט פֿײַער אויך אויף זײַנע וויִעס,
זעצט פֿון מויל זײַנעם מיט עמערס שוים.

אָנגעגליטע ווערטער ווי אַן אויוון,
קאַלעכשטיינער ווערן ווײַס ווי שניי.
גאָטעניו, מײַן האַרציקער, לייז אויס אים
פֿונעם פֿײַער, וואָס סע ברענט אין זיי.

בײַם פֿאַרמאַכן

ער האָלט דאָס לידערבוך שוין בײַם פֿאַרמאַכן,
אין זײַנע אויערן רוישן שטילע טײַכן,
לבֿנה־שײַן און אויפֿן טיש די זאַכן —
לבֿנות קליינע דורך די נעכט זיי וואַכן.

אין דרויסן שטייט פֿאַרמאַכט אַ שורה שטיבער
און אויף די גראָזן קלינגען שטילע לידער,
זיי ענדיקן זיך, הייבן אָן זיך ווידער
און חזרן אַ גאַנצע נאַכט זיך איבער.

איך לייען פּאָעטן

איך לייען פּאָעטן פֿונעם פֿאַריקן יאָרהונדערט,
די נעמען זייערע דריקן אויף אונדז שטאַרק.
דאָס ליד, וואָס האָט די גאַנצע וועלט פֿאַרוווּנדערט,
קלינגט איצטער ווי אַ גלעקל אויף אַ באַרג.

דער באַרג איז הויך און הייסט ווערלען צי טיוטטשעוו,
דאָס גלעקל האַלט אַ ייִנגל פֿון דער שול.
דאָס ייִנגל איז שוין לאַנג צום ליד אַ שותּף
און ס'איז די וועלט מיט זיי, די ייִנגלעך, פֿול.

נאָר אָפּטער בונטעווען זיי זיך ווי סטודענטן,
וואָס לייענען מאַיאַקאָווסקי, מאַרקיש, בלאָק.
זיי שפּאַנען אין די טאָלן צווישן מענטשן,
נאָר קלינגען קלינגט מען אין אַ גרויסן גלאָק.

יעסענינען

האָט אַ מעסער צווישן כאַטעס
דאָרפֿישע געטון אַ בליץ
און אויף שטאַמען פֿון בערעזעס
טיף דײַן נאָמען אײַנגעקריצט.

אויף די פּלייצעס האָסט גענומען
דעם ריאַזיאַנער גאָרן וואַלד
און מיט אים אין שטאָט געקומען,
האָט די שטאָט געשריגן: האַלט!

ביסטו איבער הויכע דעכער
פֿון די שטאָטיעגערס אַוועק.
ס'האָט דײַן שוּבער ווי אַ פֿעכער
אָנגעמאַכט אַ ווינט, אַ שרעק!

באָרוועסע מיט הויזנלעכער
האָבן סאַמע אין געיעג
אויסגעשטרעקט זיך אויף די דעכער
און פֿאַרשטעלט צו דיר דעם וועג.

האָסט זיך ווי אַ זון אַ הייסע
אויסגעשטרעקט אין קאַלטן לאַנד
און די שטאָטישע, די ווייסערס
אָנגעשוויצט אַ פֿולע האַנט.

זענען זיי מיט האַנט בײַם האַרצן
היימגעלאָפֿן מיט געוויי —
אין אַ געסל אין אַ שוואַרצן
האָט בײַ נאַכט געשמעקט מיט שטרוי.

ס'האָט געשמעקט מיט דאָרפֿיש הײַזל,
ס'האָט געשמעקט מיט דאָרפֿיש ברויט,
ס'האָט אַ פּלויט אין שטאָט פֿון אײַזן
זיך צעבליט ווי צווײַגנפּלויט.

קינדער פֿון די קינדערהיימען
האָבן זיך מיט ערד באַקאַנט,
האָבן זיך באַקאַנט מיט ליימען,
האָבן זיך באַקאַנט מיט זאַמד.

צווישן די בערעזע־שטאַמען
אויף דײַן וועג אין דאָרף צוריק,
דײַן באַוווּסטן „בריוו דער מאַמען"
מיט געזאַנג דיר נאָכגעשיקט.

אין רוסישן וואַלד

1

טיף אין וואַלד, אין האַרץ פֿון דער געדיכטעניש,
דאָרטן ווו די שרעק איז מיינסטן וואָר,
וואָך צו יעדער שאָרך און אומגעריכטעניש,
ציטערט אויף מײַן האַרץ אין מיטן נאַכט.

יונגע הערצער, שאַדט נישט, מעגן ציטערן
און זיך שרעקן פֿאַר אַ וואָלף, אַ בער
און זיך שרעקן פֿאַר די וואַלד־געוויטערן,
נאָר דאָס האַרץ מײַנס איז נישט יונג שוין מער.

האָב איך זיך אין אַנגסטן און אין ציטערניש
אײַנגעמאָסטעט אויף דער קילער ערד,
אויפֿן סאַמע דנאָ פֿון גאָר דער פֿינצטערניש
פּלוצעם עפּעס אומגעריכטס דערהערט.

2

כ׳בין אין וואַלד דאָ מיט געוואָלט פֿאַרבליבן
און פֿאַר נויט דאָס שענסטע ליד געגנאָסן,
דאָס וואָס לערמאָנטאָוו וואָלט אָנגעשריבן
ווען מאַרטינאָוו וואָלט אים נישט דערשאָסן.

כ׳האָב אין וואַלד דאָ מיט געוואָלט געגעבטיקט
און דעם וואַלד געהערט דערציילן, דאַכט זיך,
דאָס צו וואָס טאָלסטאָי וואָלט זיך געמעבטיקט,
ווען ער וואָלט געלעבט די צווייטע אַכציק.

ס׳איז צום שטוינען ממש, ס׳איז צום גאַפֿן,
ווי די שרעק פֿאַרשפּילט, פֿאַרוויגט איר קרבן.
כ׳לייען די ווערק, וואָס טשעכאָוו וואָלט געשאַפֿן,
ווען ער וואָלט נישט אַזוי יונג געשטאָרבן.

3

אַ שפּראָץ אויף טאָג און אַלץ איז פֿאַרגעסן,
קיין שורה, קיין וואָרט נישט פֿאַרגעדענקט,
כאָטש כ'בין אַ נאַכט דאָ אָפּגעזעסן,
אין נאַכטיקער שרעק צום טאָג געבענקט.

דער טאָג פֿאַרשטעלט מיט אַ מאָל די רוימען
און נעמט עפּעס אייגנס פֿון מיר אַוועק,
פֿאַר פֿרעמדע ווערק, פֿאַר אייגענע טרוימען
ווערט ענג אין מײַנע געמאָסטענע טעג.

איך נעם אַ האַק, אַ זעג, אויף פֿײַער
און כ'האַק און לייג אַוועק אַ בוים.
דעם לאַנגן רונדן שטאָם באַפֿרײַ איך
פֿון זײַן אַרומגעהאַקטער קרוין.

און צינד אָן די צווײַגן און צום שײַטער
איך וואָרף אויך מײַנע זעונגען צו
און מאָדנע אָן רויך און אויסגעלײַטערט
זיי שטײַגן און טראָגן מיך ערגעץ ווו.

צום אַ מאָלדאַווישן פֿרײַנד

מע האָט מיך געצימבלט
אין הינטן אַרײַן...
איך זיץ ווי אויף שפּילקעס,
סע זיצט זיך נישט אײַן.

עס דרייט זיך דער קאָפּ מיר
אַזוי ווי אַ ראָד,
עס דרייט זיך אין פֿענצטער
דער שפּיץ פֿון דער שטאָט.

און דו זיצסט זיך רויִק
אַט דאָ קעגן מיר
און פֿיטערסט די ווערטער
פֿון וואַנט ביז דער טיר.

דו זיצסט אויפֿן בענקל
אַזוי ווי אויף גראָז,
דו חלומסט פֿון לאַנקעס,
אַ ווינטעלע בלאָזט.

און דו ביסט אַ פּאַסטעך,
די טשערעדע גייט,
דו שפּילסט אויפֿן פֿײַפֿל
ווי אויף אַ פֿלייט.

איך בין נישט מקנא
דײַן שפּילן, דײַן ליד
און אויך נישט דאָס,
וואָס ביסט נישט קיין ייִד.

מיר ווילט זיך נישט מאַכן
מיט דיר קיין בײַט,
איך בין נאָר מקנא
דײַן רויִקייט.

נעמט אַראָפּ די חשבונות פֿון טיש

נעמט אַראָפּ די חשבונות פֿון טיש און שלום זאָל זײַן.
נעמט אַראָפּ די חשבונות פֿון טיש און שטעלט אַרויף ווײַן!

שטעלט אַרויף פֿיש און שטעלט אַרויף וואָס איר פֿאַרמאָגט,
לאָמיר פֿאַרברענגען בײַם טיש ביז אין די פֿענצטער טאָגט.

אויב ס׳איז קיין פֿיש נישטאָ, וועלן מיר זיך באַגיין אָן זיי,
אויב ס׳איז קיין ווײַן נישטאָ, וועלן מיר טרינקען טיי.

אויב ס׳איז קיין טיי נישטאָ, טאָ זאָל זײַן דאָס וואַסער געבענטשט,
לאָמיר זיצן בײַם טיש, ווי ס׳זיצט אַ מענטש מיט אַ מענטש.

דער שײַטער

אין מערבֿ אויפֿן הימל אויבן הענגען וואָלקנס,
אַ ביסל נידעריקער אונטן ברענט אַ שײַטער,
וואָס צינדט אָן די וואָלקנס —
די זון פֿאַרגייט.
די זון איז שוין פֿאַרגאַנגען,
גאָט צו לויבן,
אויסגעלאָשן זיך שוין לאַנג
דער זונפֿאַרגאַנג
מיט אַלע וואָלקנס אויבן
און דער שײַטער
ברענט אַלץ ווײַטער.
ייִדישע פּאָעטן אין דער העלער נידער
פֿאַרשרײַבן זייערע נײַע לידער
און פּראָזאַיִקערס בײַ דער שײַן פֿון פֿלאַמען
שרײַבן איצט היסטאָרישע ראָמאַנען
און אַלע וואַרפֿן זייערע ווערק אין פֿײַער,
האַלטן אויף דעם שײַטער
און זיי שרײַבן ווײַטער.

ירושלים, 11טער אַפּריל, 1985

אין יעדן לאַנד

אין יעדן לאַנד אַזוי פֿיל שטעט
און יעדער שטאָט האָט איר פּאָעט,
וואָס לייגט אַוועק די פּען און רעדט
מיט פּראָסטע ריידנדיקע רייד.
ער לייגט אַוועק די פּען און גייט
פֿון טיר צו טיר, פֿון קלייט צו קלייט
און זאַמלט, האַנדלט אײַן זיך דאָרט
דעם דינגעגנדיקן קונהס וואָרט,
דעם קרעמערס שבועה אויפֿן אָרט,
דעם זינגעגנדיקן שנײַדערס ליד,
די שווערע ווערטער פֿונעם שמיד,
דאָס קרעכצן פֿון אַן אַלטן ייִד,
דער עפּל-ייִדענעס געקלאָג,
דעם תּלמיד־חכמס שאַרפֿן זאָג.
ער גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג
און זוכט און נישטערט און ער טרעפֿט
אַן אַלטן פּנקס צי אַ העפֿט,
וואָס איז פֿאַרגעלט שוין אויף דער העלפֿט.
און וואָס סע קומט צו זײַנע הענט
אַ צייכענונג, אַן אָרנאַמענט
אויף אַ פֿאַסאַד, אויף אַלטע ווענט,
די האַלבע אותיות אויף אַ שטיין
צעפֿרעסן, אײַנגעשרומפּן, קליין
פֿון צײַט, פֿון רעגן, פֿון געוויין,
איז אַלץ אַן עדות, וואָס דאַרף שטיין
און אָפּהיטן דעם פֿעלדס געביין,
ווײַל גאָרנישט טאָר פֿאַרלוירן גיין.

אין יעדן לאַנד אַזוי פֿיל שטעט
און יעדער שטאָט האָט איר פּאָעט,
אַן איינציקן אַזאַ פּאָעט,
וואָס לייגט אַוועק די פּען און רעדט,
ער לייגט אַוועק די פּען און גייט
פֿון טיר צו טיר, פֿון קלייט צו קלייט.

אויסגעשטאָרבן

אויסגעשטאָרבן אין זכּרון אַלע מײַנע טויטע,
איצטער זענען זיי באמת מער נישטאָ.
לאַך איך ווי דער סאַמע גרעסטער שוטה,
ווען איך דאַרף גאָר וויינען, זינקען ביזן דנאָ.

ווען איך דאַרף זיך טרענקען ביז די טיפֿסטע גרונטן
און קיין קנייטש נישט לאָזן אויף דער פֿלאַך
און דעם שײַער לאָזן אָנגעצונדן
און נישט לעשן, ווען סע ברענט דער דאַך,

לאַך איך גאָר מיט אַזאַ געלעכטער,
ווײַל דאָס וויינען העלפֿט נישט, נישט די קלאָג
און מײַן קבֿר היט איך אויס פֿון מײַנע טעכטער,
ווען ס׳וועט קומען דער באַשערטער טאָג.

חיפֿה, 9טער נאָוועמבער, 1989

אינהאַלט

א

9 די אָבות
15 לייענענדיק שלום-עליכמען
16 אײַנגעראַמט און פֿאַרבליבן
16 משה-לייב, דער ריטער
18 צו מ. ל. האַלפּערן
18 ה. לייוויק
19 לייוויק פֿילט נישט
20 מיט לעיִעלעסעס לידער און פּאָעמען
22 יעקב גלאַטשטיין
22 איך בענטש
23 צום דיכטער ל. מילער
24 צווייטער בריוו צו ל. מילער
26 דוד האָפּשטיין 1. 2.
28 אהרון קושניראָוו
28 דוד בערגעלסאָן
29 איציק פֿעפֿער
30 פּרץ מאַרקיש
30 דער נסתּר 1. 2.
31 איציק קיפּניס
32 שמואל האַלקין
33 צו שמואל האַלקין
33 ווי לאַנג
34 ער האָט זיך אויסגעצויגן (משה בראָדערזאָן)
34 פֿאַר וואָס ?
35 און איך האָב געחלומט
35 אליעזר שטיינבאַרג
37 וואָס וועט זײַן ?
38 ווי אַזוי שטיינבאַרג האָט געשריבן
39 אינעם שטיבל
41 ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס משל
41 פּאָרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַ רעזשיסאָר (יעקב שטערנבערג)
42 ס'האָט זיך היַינט פֿאַרגלוסט מיר
43 דער זקן משה (משה אַלטמאַן)
45 איציק מאַגער
45 היידל-דידל-דוי
46 געשטאָרבן דער זינגער
47 פֿאַר שלום ראָזענפֿעלד
48 דער וואַנדער-דיכטער
49 זײַן ליד וועגן סטעפּ (מרדכי גאָלדענבערג)
49 צוריק צו גאָט און לײַט (איציק פּאַנער)
51 זלמן ראָזנטאַל
52 יעקב גראָפּער
53 שמחה שוואַרץ
54 מײַן ערשטער רעדאַקטאָר (שמואל אבא סופֿר)
55 וויפֿל שפּיצן האָט אַ שטערן ?
55 פֿון אַלע בלינדע
57 לויטן זכרון

ב

אַברהם סוצקעווער 63
אַז ווויל איז דיר 64
אַ טורעם 64
אייביקע וואַך 65
מע וועט אַ מאָל 66
איך שטיי נישט קעגן באַרג 67
חיים גראַדע 68
הירש אָשעראָוויטש 68
צו איינעם אַ דיכטער 69
דײַנע געגראַמטע געדאַנקען 70
די שותּפֿים 71
הדסה רובין 72
אין אַ שעה פֿון קלאָרן זין 72
די מוטער רחל 73
עפּיגראַם — פּאַראָדיע 74
וואָס גרינגער 75
דער שמאָלער שוסטער 75
פּאָרטרעט פֿון אַ דיכטער אַן עקשן (יוסף קערלער) 76
דו נעם צונויף 76
איבערגעלאָזט 77
פּאָרטרעט פֿון אַ דיכטער פֿון קורצע לידער (מאָטל גרוביאַן) 78
אַזאַ מין שטראָף 78
שלמה רויטמאַן 79
צום דיכטער שלמה רויטמאַן 80
שירע גאָרשמאַן 84
צום 50סטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע 82
צו משה טייף 83
שירע גרשמאַן 84
אַ ליד, וואָס חיים מאַלטינסקי האָט נישט באַוויזן אָנצושרײַבן 85
אַריה שמרי 86
יוסף פּאַפּיערניקאָוו 87
ויהי אגד, ויהי דן 88
יצחק יאַנאַסאָוויטש 89
לייזער אייכענראַנד 89
ווידמונג 90
בין אַרויס אין אַ קאַמף 91
דוד ספֿאַרד 92
מ. מ. שאַפֿיר 92
ישראל עמיאָט 93
איין פּאָרטרעט פֿון צוויי פּאָעטן 94
רייזל זשיכלינסקי 94
אַ וואַזע 95
פֿאַרגעסן 96
דער ווינט פֿאַרוויגט די ביימער 96
פּאָרטרעט פֿון אַ רעציטאַטאָר 98
פּאָרטרעט פֿון אַ מאָלער 98
פּאָרטרעט פֿון אַן אַקטריסע 99
פּאָרטרעט פֿון אַ קאָמפּאָזיטאָר 100
זינג מיר אַ לידעלע 1]1
אַ זינגערין 102
אייפֿערזוכט פֿון אַ מאָלער 102

107 אליעזר פּאַדריאַטשיק
107 איציק שוואַרץ (י. קאַראַ)
108 דאָס ליד, דער פֿויגל און דער זינגער
109 זייליקן
110 י. לערנער
111 פּאָרטרעט פֿון מחבר פֿון ציקל "בעלעמער חכמים" — יאָסל לערנער
111 צו גאַסט
112 יעקב פֿרידמאַן
113 אפֿרים רויטמאַן 1. 2.
114 צווישן דיכטערס (פֿרײַנדלעכע שאַרזשן) 1. 2.
115 מײַן חבֿר, דער דיכטער
116 די קרוין פֿון אײַזן
117 דער ליולקע-רייכערער
117 מאָטל סאַקציער
118 לזכר לייב דרוקער
119 לזכר אהרן אַקניצער
119 יוסף בורג
120 יאַנקל יאַקיר
121 דער פעסימיסט (יחיאל פֿרוזמאַן)
121 הערש-לייב קאַזשבער
122 ה. ל. קאַזשבער צוקאַפּנס בײַם פֿאַרשטאָרבענעם קובי וואָהל
123 הערץ ריווקין (הייסינער)
124 פּאָרטרעט פֿון אַ קדוש
124 דעם פֿרײַנד פֿון פּאָעטן — הערש סעגאַלן
126 חיים גינינגער
126 פּאָרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַ וווּנדערקינד (מרדכי שקאַלניק-זעלנער)
127 דער נס
128 בערל שנאַבל
128 אַ פּאָעט אין חלום
128 דער שילאָוויצער
129 דער מיניאַטורן-שרײַבער
130 דער יונגער סאָנעטן-דיכטער
130 דײַן נשמה איז געבויט ווי אַ סאָנעט
131 אַ נאָמען אָן אַ ליד
131 דער ניִשט-געוואָרענער
132 וועגן זיך, מ. חרץ
133 ווידער וועגן זיך
134 מײַן אוצר
135 אויפֿן פּערד
136 דער פּרײַז פֿון לידער
137 איך קען נישט אַרויס
138 שיינע לידער קאָסטן טײַער
138 די תּפֿילה פֿון פּאָעטן
139 אַהין
140 וואָס גייט מיך אָן ?
141 דו
141 דו און איך
142 שייל אַרויס

ד

145 איך האָב נישט ליב
145 ער איז געווען
146 דער ליטעראַרישער דרייער
147 דער הימל בלויט נישט
148 די גאַנצע וועלט לאַכט
149 אויף אַ שרײַבער-פֿאַרזאַמלונג
149 דער לידער-שמידער
150 דער עקשן
151 פֿונעם ברויט אויפֿן טיש
152 איך בין דײַן מזלדיקער שטערן
153 „צי בין איך שוין דער לעצטער?"
154 איך האָב געמיינט
155 דער בייזער גײַסט
155 דער אַלטער דיכטער איז פֿאַרטאָן
156 דאָס ליד פֿון אַ געוועזענעם פּאָעט
156 אַ. ווערגעליס
157 פּאָרטרעט פֿון דניאל שיידבערג
158 אין טאָג פֿון אָפֿענע הערצער
159 פּאָרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַ קאַמער-זינגער
160 דער סאַטיריקער
160 ער אַרבעט איבער זיך
160 דײַן ליד
161 דײַנע שורות
162 די ווערטער איינס צום אַנדערן
162 האָסט זיך ריין געמאַכט דאָס קול
163 היט נישט אָפּ
164 וואָס וועט זײַן?
164 ווען כ'האָב אין טשערנאָוויץ געחלומט
165 ווער סע וויל נאַר
165 זאַט מיט יאָרן
166 זײַן ליד
166 צי וועט איר?
166 רעצענזיע
167 קאַלאַריט
168 אָנגעשאַרפּטע ווערטער
168 בײַם פֿאַרמאַכן
169 איך לייען פּאָעטן
169 יעסענינען
171 אין רוסישן וואַלד 1. 2. 3.
172 צון אַ מאָלדאַווישן פֿרײַנד
173 נעמט אַראָפּ די חשבונות פֿון טיש
174 דער שײַטער
175 אין יעדן לאַנד
176 אויסגעשטאָרבן